STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03738

# DRAMEN

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש.

# דראַמען.

צווייטער באַנד.

גאט פון נקמה.

דער לאנדסמאן.

פערלאַג
„פראגרעס“,ווארשא.

פערקויף:
געז. „צענטראל“, ווארשא.

1913.

ТИПОГРАФІЯ Б. ТУРШЪ,
ВАРШАВА, НОВОЛИПКИ № 6

# נאָט פון נקמה

# פּערזאָנען:

| | |
|---|---|
| יעקל טשאַפּטשאָוויטש, דער „פּעטער“ | אַ בעל־הבית פון אַ פרעהליך „הייזעל“. |
| שרה | זיין ווייב (אַ געוועזענע קאָקאטע). |
| רבקה'לע | זייער טאָכטער, אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר 17. |
| הינדעל | 1-טע מיידעל פון „הייזעל“ אַ פער־עלטערטע פון עטליכע און דרייסיג יאָהר). |
| מאַנקע | 2-טע מיידעל, נאָך גענוג יונג. |
| רייזעל | 3-טע מיידעל. |
| באַשאַ | אַ פּראָווינציאַל מיידעל, ערשט אַנ'אָנגעקומענע. |
| שלמה | אַ אַלפאָנס. הינדעלס געקויפטער חתן, אַ שענער יונג, 26 יאָהר. |
| ר' אלי | פאָלקס־שדכן, אַ שדכן פון דעם „פּעטער“. |
| ר' יעקב | אַ פרומער יוד. אַ סופר. |
| אַ פרעמדער יוד | אַ מחותן. |
| אַ יודענע | בלינד אויף איין אויג (פון די אָרימע לייט). |

צייט: געגענוואַרט.

אָרט: אין אַ גרעסערע פּראָווינציאַלע שטאָדט.

# ערשטער אקט.

## סצענע.

(ביים „פעטער" אין פריוואט-וואָהנונג. ערשטער שטאָק פון אַ אַלטער הילצערנער געביידע. דאָס צימער געפינט זיך איבער דעם קעלער, אין וועלכען עס איז דאָס „הייזעל". צום וואָהנונג פיהרט ארויף אַ הילצער-נע טרעפּ פון דרויסען, וועלכע לאָזט זיך הערען אין דער שטוב, בשעת מען געהט אויף זיי. די וואָהנונג בעשטעהט פון איין גרויסע שטוב מיט אַ נידריגען באַלקען. דאָס מעבעל נייעס, ווארשאָווער ביליגער סטיל, וועלכעס האַרמאָנירט נישט מיט דער אַלטער געביידע פון דער שטוב. די ווענד זענען בעהאַנגען מיט בילדער, אויסגענעהט אויף קאַנווע. ביבלישע סצענעס: „אדם וחוה ביים עץ הדעת" א. ז. וו. מיידעלשע אַרבייט. געגענאיבער דער סצענע—די טהיר, וואָס פיהרט פון דרויסען אַריין. רעכטס אַ צווייטע טהיר, פיהרט אין רבקה'לעס שטוב אַריין. פון ביידע זייטען טהיר—רעכטס צוויי בעטען ביי דער וואַנט, הויך אויפגעבעט מיט בעטגעוואַנט. לינקס צוויי פענסטערלעך נידריגע, מיט לאָדען פון אינווייניג צו צומאַכען, בעהאַנגען מיט פאָר-האַנגליך, בעשטעלט מיט בלומען-טעפּ; צווישען די פענסטער אַ שווי-בען-שענקעל. הינטער איין פענסטער אַ קאָמאָד. אין שטוב פערפאַר-טיגט מען אויפצורוימען; ס'זעהט זיך אויס: מען גרייט זיך צו אויף געסט... אָנגעשטעלט מיט איבריגע טישען און בענק, בעשטעלט מיט קאַרבס געבעקס און אַנדערע עסען-וואַרג. אַ יונגער פריהלינגס-טאָג, נאָך מיטאָג.

---

(שרה, רבקה׳לע, שפעטער דער „פעטער״.)

## שרה

א הויבע און א שלאנק שענע. דאָס פּנים שוין רעכט פערדאָרבען, נאָר נאָך געניג שפּורען פון איהר געוועזענער שענהייט, וועלכע האָט נאָך היינט אין זיך א געוויסען טאָן פון פרעכהייט. א שייטעל אויף איהרע קאקעטע לאָקען; די לאָקען גנב'ענען זיך פון צייט צו צייט פון איהר שייטעל אַרויס. אָנגעטהון אין שוין ערנסט מוטערליכער קליי-דונג, וועלכעס איז נאָך דאָ און דאָרט קאָקעט בעפּוצט מיט פיעל צירונג. אין איהרע בעוועגונגען קען זי זיך נאָך נישט גאַנץ בעפרייען פון דער וועלט, פון וועלכער זי איז אַרויסגעגאַנגען... שטעהט מיט

## רבקה׳לען.

א רייצענד יונג מיידיל, זעהר נעט געקליידעט, בעל הבת'יש, נאָך אין א קורץ קליידעל, צוויי לאַנגע צעפּ האָר, און פערפערטי-גען אויסצופּוצען דאָס צימער.

## רבקה׳לע

(שטעקט אַריין פּאַפּירענע בלומען אין די גאַרדינען).

אָט אַזוי, מאַמעשי, יעצט דאָס שפּיגעלע בעפּוצען, זעה, מאַמעשי, וועט שען זיין?

## שרה

(איז פערנומען ביים טיש אָנגרייטען).

פלינקער, טאָכטערשי, פלינקער, דער טאַטע איז שוין געגאַנגען! בעלי-בתּים בעטען דאָס ספר-תורה אַהיים ברענגען.

רבקה׳לע.

ווערט שען זיין, מענשען וועלען קומען ... מען וועט שפּילען, מען וועט זינגען ... יאָ, מאַמעשי?

שרה.

יאָ, טאָכטער-לעבען, עס איז אַ חנוך, עס איז אַ גרויסע מצוה ... נישט אַלע קענען זיך ספר-תורות שרייבען. אַ בעל-הבית, אַ אָנגעזעהענער מענש ...

רבקה׳לע.

און מיידלעך וועלען אויך קומען? מען וועט טאַנצען? ס׳וואָהר, מאַמעשי? (שטעלט זיך אָב) איך מוז דאָך מיר אַ בלוזקע קויפען, מאַמעשי, און אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפעל קויפען. (ווייזט איהרע קאַמאַשען) אין קאַמאַשען קען מען דאָך נישט טאַנצען?

שרה.

אַז דו וועסט אַ כלה ווערען, אם ירצה השם, חל המועד פסח, וועל איך דיר אַ לאַנג קלייד מאַכען, פּאַנטאָפעל קויפען, ס׳וועלען מיידלעך קומען, פיינע מיידלעך, בעל-הבתישע טעכטער, דו וועסט דיך חבר׳ן מיט זיי.

רבקה׳לע

(עקשנט זיך).

שטענדיג לייגסט דו אָב אויף פּסח. איך בין שוין היינט גרויס. (שטעלט זיך אין שפּיגעל אריין) זעה, מאַמעשי, איך בין שוין גרויס. (ווייזט די האָר) אַזעלכע לאַנגע צעפּ האָר האָב איך שוין. מאַנקע זאָגט, אַז ... (כאַפּט זיך צוריק) און מאַנקע וועט אויך זיין, ס׳וואָהר, מאַמעשי?

שרה.

ניין, טאָכטער לעבען. בעל-הבת׳ישע קינדער, אָר׳נטליכע מיידלעך... דו ביזט אַ בעל-הבת׳יש קינד, אַ אָר׳נטליך קינד.

רבקהל׳ע.

פאַר וואָס נישט, מאַמע לעבען? האָט מיר מאַנקע אַ מגן-דוד אויפגעריסעוועט אויפ׳ן ספר-תורה-קליידעל... איך נעה איהם איצט מיט זיידענע ווילישקע אויס, מיט בלעטער בעפוצט, מיט בלומען בעפוצט, וועסט זעהן, ווי שען, מאַמעשי. (ווייזט אויף די בילדער פון וואנד) הונדערט מאָל שענער פאַר די...

שרה

(ערשראָקען).

וועה איז מיר, פערצעהל נישט דעם טאַטען. ער וועט שרייען, ער וועט זיך בייזערן.

רבקה׳לע.

פאַרוואָס, מאַמעשי? עס איז דאָך פאַר׳ן ספר-תורה׳ס וועגען?

שרה.

דער טאַטע וועט זיך בייזערן. (עס הערען זיך טריט) שווייג, רבקה׳לע, דער טאַטע געהט.

דער „פעטער"

(נאָך אויף די טרעפּ).

וואָס, בעטען וועל איך מיך ביי זיי... האָב איך טאַקע אַ גע-

שעפט! (קומט אריין. א הויכער, שטארקער יונג פון א יאהר 40, א דיק בייכעל מיט א שווארץ בעוואקסען געזיכט. א שווארץ רונד געשוירען בערדעל. רעדט הויך, גראב, מאכענדיג דערביי מאוס'ע בעוועגונגען מיט די הענד, אנגרייפענדיג דעם צוויזיטען, וואס ער רעדט צו איהם, ביי דער קלאפע. דאך ליגט אויסגעגאסען אויף זיין געזיכט און אין זיין גאנצער פערזאן אנ'אפענהארציגקייט). ווילען זיי נישט קומען, דארף מען נישט... האב איך ארעמע-לייט צוזאמענגענומען... האב איך נישט קיין מורא, עס וועלען זיך געפינען בעלנים אויף די לעקעכער מיט די גענז. (דערזעהט רבקה'לען, זעצט זיך) קום נאר אהער צום טאטען.

## שרה

(בייז, אבער בעמיהט זיך נישט דערפון בעמערקען צו געבען. סערווירט דעם טיש).

זיי ווילען זיך, מיינסט דו, דעם יחוס מיט דיר איינרייכטען? אז זיי דארפען א הונדערטער צו בארגען... א נדבה צו נעהמען שע-מען זיי זיך גאר נישט מיט דיר... דער גוי איז טרפה, אבער זיין גראשען איז כשר...

## דער „פעטער".

ווי זי האט דאס מורא, א זארג אנגעקריגען! האב נישט קיין מורא, עס וועט דיר גארנישט קאליע ווערען... (רופט רבקה'לען) נו, קום נאר אהער צום טאטען.

## רבקה'לע

(געהט צו צום פאטער זעהר נישט גערן, האט מורא).

וואס וויל דער טאטעשי?

## דער „פעטער".

האב נישט קיין מורא, רבקה'לע, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון. (נעהמט זי אן ביי דער האנד) האסט ליעב דעם טאטען, יא?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ).

דער „פעטער".

און פאַרוואָס האָסטו מורא פאַר׳ן טאַטען?

רבקה׳לע.

איך ווייס נישט.

דער „פעטער".

האָב נישט קיין מורא פאַר׳ן טאַטען, דער טאַטע האָט דיך ליעב, זעהר ליעב. איך לאָז היינט אַ ספר-תורה שרייבען, עס קאָסט אַ סך געלד. פאַר דיר, מיין קינד, פאַר דיר.

רבקה׳לע

(שווייגט. פּויזע).

דער „פעטער".

און אַז גאָט וועט העלפען און דו וועסט אַ כלה ווערען, וועל איך קויפען דיין חתן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט — אַ האַלב פונט גאָלד זאָל ער וועגען... דער טאַטע האָט דיך זעהר ליעב.

רבקה׳לע

(שווייגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, שעמענדיג זיך. פּויזע).

דער „פעטער".

דו שעם דיך נישט, אַ כלה מעג מען ווערען, גאָט האָט גע-הייסען. (פויזע) דאָס איז גאָר נישט... אַלע מענשען ווערען חתן-כלות.

רבקה׳לע

(שווייגט. פויזע).

דער „פעטער".

נו, האָסט דו ליעב דעם טאַטען דיינעם?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, שטיל).

יאָ.

דער „פעטער".

נו, וואָס ווילסטו זאָל איך דיר קויפען? זאָג, רבקה׳לע. (רבקה׳לע ענטפערט נישט) נו, זאָג, האָב נישט קיין מורא, דער טאַטע האָט דיך ליעב. נו, זאָג, וואָס זאָל איך דיר קויפען?

רבקה׳לע

(שווייגט).

שרה

(איז פערנומען ביים טיש; צו רבקה׳לען).

נו, פאַר וואָס ענטפערסט דו נישט, אַז דער טאַטע רעדט צו דיר?

## רבקה׳לע.

איך ווייס נישט...

## שרה

(צום „פעטער״).

אַ זיידענע בלוזקע וויל זי מיט אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפּעל.

## דער „פעטער״.

יאָ, דו ווילסט אַ זיידענע בלוזקע מיט אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפּעל?

## רבקה׳לע

(ב׳אַקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ).

## דער „פעטער״.

דאָס קומט דיר. (נעהמט אַרויס פון די געלד־קלינגענדע קעשענע אַ גאָלד־שטיק און גיט איהר) יאָ, גיעב דאָס דער מאַמעשי, לאָז זי דיר קויפען. (רבקה׳לע נעהמט צו דאָס געלד, טראָגט עס צו צו דער מוטער. עס הערט זיך אַ גע־רודער אויף די טרעפּ פון די אַרויפקומענדע אָרעמע לייט).

## דער „פעטער״

(צו שרה׳ן).

זעהסט, דו האָסט געזאָגט, (עפענט אויף די טהיר) אַז דו וועסט קיין געסט נישט האָבען (רופט) נו, קומט אַריין, קומט אַריין. (עס קומען אַריין אַ חאַליאַסטרע אָרעמע לייט, מענער און פרויען, צום ערשט איינציגווייז, ווי זיי וואָלטען זיך אַריינגעגנב׳עט אין שטוב, דערנאָך מעהר, פיהרען זיך אויף אַרויסרופענדיג, טייל רופען איראָניש צום „פעטער״): גוט מאָרגען אייך, בעל מחנך! (ווענדען זיך צו שרה׳ן) אַ גוטען טאָג, בעל־הבית׳טעשי!

### שרה

(טהוט זיך אָן אַ שערץ, לייגט אריין אין איהם חלות, זעמעל, לעקעך און אנדערע עסענוואַרג. טהיילט אוים צווישען די אָרימע לייט).

### איינער פון די אָרימע לייט,

לאַנג לעבען זאָלט איהר, בעל־הבית'טעשי, איהר זאָלט זוכה זיין מעהר שמחות צו מאַכען.

### אַ יודענע.

דאָס ספר־תורה זאָל אייך הצלחה און אַ ברכה אין אייער הויז אריין...

### דער „פעטער"

(ווארפט די אָרימע לייט שטיקער חלה נאָך שרה'ן).

צו גאַנצע פונטען לעקעך זאָלסט דו זיי געבען און צו פלעשלעך בראָנפען מיט אַ היים. זאָלען זיי וויסען, אַז היינט איז ביי מיר אַ שמחה... נישט־קשה, איך קען בעשטעהן אויף דעם.

### אַ יודענע, בלינד אויף איין אויג

(ריהמט פאַר די אָרימע לייט דעם „פעטער" מיט שרה'ן).

דאָ איז שוין איינס אַ הויז, זאָל איך שוין אַזאַ יאָהר האָבען, געהט שוין קיינער פון דאַנען מיט טרוקענע הענד נישט אַרויס. אַ לעפעל יויך פאַר אַ קראַנקען, אַ העמד פאַר אַן אָרעמאַן. וואָס דען, דאַרט אין די הויכע פענסטער וועט איהר קריגען?...

(שרה, ווי זי וואָלט נישט בעמערקט דער יודענעס רייד, וואַרפט אריין אין איהר שערץ אַ פּאָר חלקים מעהר. די יודענע האַלט אויף דאָס פאַרטעך איהרס און רעדט וויטער).

דאָ אַז מען מאַכט אַ שטיקעל שמחה... קען מען זיין, ווער מען וויל... קען מען האַנדלען, מיט וואָס מען וויל...

אַנדערע אָרימע לייט

(צווישען זיך).

אַזאַ יאָהר שוין אויף אונז, אַזאַ יאָהר שוין אויף אונז...

דער „פעטער"

(נעהמט ארוים אַ פולע האַנד מיט קליינגעלד און גיט עס איבער אין רבקה'לעס שערץ).

נו, צוטייל די אָרימע לייט.

(רבקה'לע טיילט ארום די אָרימע לייט קליינגעלד).

די יודענע, בלינד אויף איין אויג

(מיט מעהר קוראַזש ווייזט אויף רבקה'לען).

און ווייזט מיר אין דער גאַנצער שטאָדט נאָך אַזאַ אָר'נטליך מיידעל... (צו די אַנדערע ווייבער) רבנים האָבען דאָך נישט אַזעלכע קינדער. (זאָגט שטילער, דאָך, אַז דער „פעטער" און שרה זאָלען הערען) און גאָט ווייסט, פון וואַנען עס נעהמט זיך צו זיי אַזאַ כשר קינד... דאַכט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַזאַ הויז, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד... (הויך) און דאָס איז אָבגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ... אָבגעוואַשען און אָבגעמאָסטען איז יעדער טריט איהרער, אַ ליעבע לוסט צו קוקען דערויף. (געהט צו צום „פעטער", מאַכט צו איהם) נישט קשה, עס לאָזט זיך הערען! (ווייזט אויף רבקה'לען) איך וואָלט אַ זון אַ רב געהאַט, וואָלט איך זי איהם פאַר אַ כלה געגעבען.

די אַנדערע ווייבער

(צווישען זיך).

עס לאָזט זיך הערען... עס לאָזט זיך הערען...

דער „פעטער".

װעט איהר זעהן, ...עז איך וועל דאָס מיט מזל אונטער די חופּה

פיהרען! גאַנצע געגנז זאָלט איהר קריגען, גאַנצע הערכט לעבעדיגע און מיט רובלען קלינגען, איז מיין נאָמען נישט יעקל טשאַפּטשאָוויטש, אויב איך זאָג ליגען.

### די יודענע, בלינד אויף איין אויג.

אַז איך זאָג אייך, ווי אין שוהל, להבדיל, דאָס וואָלט זיך אויפגעהאָוועט... ציכטיג... שען... אָרנטליכער פאַר אַלע בעל-הבתישע טעכטער...

### די אַנדערע ווייבער.

עס לאָזט זיך הערען... עס לאָזט זיך הערען...

### דער „פּעטער”

(ארומטוילענדיג די גלעזלעך בראָנפען די אָרימע לייט, לאָזט פאַלען אַ וואָרט, ווי נישט בעמערקענדיג).

כאָטש איהר פאָטער איז יעקל טשאַפּטשאָוויטש...

### שרה

(טוילענדיג).

נו, נו, פאַר וועמען ער האָט זיך דאָ צו ריהמען?

### דער „פּעטער”

(נישט איינהאַלטענדיג זיך, זאָגענדיג, גיכט ער אָן די גלעזלעך בראָנפען, מיט אימפּעט).

מיר איז נישט קיין אונטערשיעד איז מיר, צי אָרים אָדער רייך, אַלע זאָלען עס וויסען... די גאַנצע שטאָדט זאָל עס וויסען... וואָס איך בין — בין איך, (ווייזט אויפ'ן ווייב) וואָס זי איז — איז זי... אַלץ איז וואָהר, אַלץ... נאָר אויף מיין קינד זאָלען זיי קיין וואָרט

נישט לאָזען פּאַלען ... אַז נישט, וועל איך זיי, אָט, מיט דער פלאַש די קעפּ שפּאַלטען ... מעג עס זיין דער סאַמע רב אפילו, איז מיר נישט קיין חלוק ... כּשר׳ער פּאַר זיין טאָכטער. (ווייזט אויפ׳ן האלז) דאָ מעגט עטץ מיר אַריינשניידען.

### שרה

(הערט אויף צו טיילען).

נו, מען האָט שוין געהערט ... שוין געהערט ... (קלאַפּט זיך אָב די הענד און זוכט דעם בעזעם אין ווינקעל שטוב) מען דאַרף די שטוב צורוימען פאַר בעל-הבתים׳ס וועגען. (ווענדעט זיך צו די אָרימע לייט) דאַכט זיך קיין עולה נישט געהאַט?

### די אָרימע לייט.

ניין, בעל-הבית׳טעשי, אַ גדולה און אַ נחת אויף אייער קאָפּ ... (פערלאָזען די שטוב איינציגוויז, אָנווינשענדיג גוטע ברכות. דער „פעטער״ וואַרפט זיי צו עסענוואַרג הינטער דעם ווייב׳ס אויגען. די לעצטע זאָגט צו רבקה׳לען, אַז די אָרימע לייט זאָלען נאָך הערען). געה, רבקה׳לע, דאָס קליידעל פּאַר׳ן ספר-תורה פאַרטיג צו מאַכען, ר׳ אלי וועט דאָך באַלד קומען, דער סופר וועט באַלד קומען. (רבקה׳לע געהט אָב אין איהר צימער לינקס).

### דער „פעטער״. שרה.

### שרה

(בלייבענדיג אַליין מיט׳ן „פעטער״, קעהרט אויס די שטוב).

פּאַר וועמען ער האָט זיך דאָ געהאַט צו ריהמען, אַ קליינינג-קייט, זאָג איך דיר ... און אַזוי, מיינסט דו, וואָלטען זיי נישט גע-קומען צו דיר? מאַך יעדען טאָג אַ שמחה, וועסט דו זיי יעדען טאָג האָבען ... אין אָרנטליכע הייזער ווייסט מען דאָס ווי צו האַלטען זיך, אַז עס זאָל דרך-ארץ האָבען פאַר אַ מענשען. וואָס דען, אַזוי, ווי

דו, באַלד „פאַן-בראַט” ווערען... וואָס איז עס פאַר אַ בעל-הבית, זאָג איך, נאָ?

דער „פעטער”.

בעל-הבתים, ווילסט דו, זאָלען קומען צו דיר? דו האָסט, אַ פנים, פערגעסען, ווער דו ביסט?

שרה.

„ווער דו ביסט”? וואָס, דו האָסט ווען בעגנב'עט? דו האָסט אַ געשעפט. יעדער האָט זיך זיין געשעפט, דו נייטסט דאָך קיינעם נישט!... דו מעגסט האַנדלען, מיט וואָס דו ווילסט, אַז דו אַליין טהוסט נאָר נישט קיין שלעכטס... פרוב זיי נאָר געלד צו געבען — ועסט דו זעהן, וויפיעל זיי ועלען נעהמען פון דיר.

דער „פעטער”.

נעהמען וועלען זיי ביי דיר, אָבער דו וועסט ביי זיי ווי דער הונד אויסזעהן... אין בית-המדרש ביי דער טהיר שטעה... קיינמאָל דיר קיין עליה נישט געבען...

שרה.

דו מיינסט טאַקע, אַז זיי זענען בעסער פאַר דיר, אַז דו דאַרפסט נאָר נישט זייער לאַסקע... הייגט איז אַזאַ וועלט: האָסט דו געלד, קומט אַריין צו דיר אַזאַ אָרנטליכער יוד, ווי ר' אלי, אַ חסיד, און נעהמט פון דיר אַ שענע נדבה. ער פרעגט זיך נישט פון וואַנען דו האָסט, גנב'ע, גזל, אַבי דו האָסט, אָט — שטאָ!...

דער „פעטער”.

דו קריך נישט צו הויך, שרה, — דו הערסט? — נישט צו הויך... אַז נישט, וועסט דו מיט איינמאָל דעם קאַרק ברעכען, (גראָושעט מיט'ן

פינגער) און שטופּ דיך נישט... שטופּ דיך נישט, זאָג איך דיר, דו האָסט אַ שטוב — ליעג, דו האָסט ברויט — עס. נאָר קריך נישט דאָרט, וואו מען בעט דיך נישט... יעדער הונד מוז קענען זיין נאָרע... (געהט אוועק פון טיש. אַ מאַך מיט'ן האַנד) עס טהוט מיר שוין באַנג די גאַנצע מעשה... איך האָב מורא, דאָ וועט קומען די מפלה...

## שרה

(הערט אויף צו געהן, לייגט אַרונטער די הענד אונטער די באַקעס אויף דער הויך).

מאַנספּערשוין! שעמען זאָלסט דו דיך! איך בין אַ נקבה און קען מיר זאָגען: דאָס, וואָס איז געווען, איז נישט דאָ, פּיס-ס-ס... אַוועקגעפלויגען... עס איז זיך נישט דאָ פאַר וועמען צו שעמען. די גאַנצע וועלט איז נישט בעסער... מיט די אויגען אין דער ערד וואָלט מען בעדאַרפט אַרומגעהן (דערנעהנט זיך צו איהם) און ווידער אַרום, וועסט האָבען געלד — פּאַקסט דו איין דאָס „קרעמעל", און קיין האָהן קרעהט נישט... ווער דאַרפט צו וויסען, ווער דו ביזט געווען...

## דער „פּעטער"

(נאָכדענקענדיג).

דאָס וואָלט שוין געווען צום בעסטען... (פויזע) אַ שטאָל פערד זיך איינקויפען, פיהרען קיין אויסלאַנד, ווי אייזיקעל פורמאַן... ווערען אַ מענש... נישט מען זאָל דיר אין די אויגען קוקען ווי אַ גנב...

## שרה

(נאָכדענקענדיג).

אַ שאָד אָבער דאָס געשעפט... אין פערד וועסט דו אַזאַ כשר'ן גראָשען נישט פערדינען... דאָ זעהט מען דאָך כאָטש דעם רובל אויף דער האַנד.

## דער „פּעטער".

דאָס איז שוין וואָהר.

שרה

(געהט אַב אין דער צווייטער שטוב, ברענגט אריין אַ שטאָס טעלער, שטעלט זיי אַרום דעם טיש).

און זעהסט דו, האָבען מיר אַ טאָכטער, גאָט צו דאַנקען לייטישער, ווי אַלע בעל-הבתּישע קינדער אין דער שטאָדט, וועט חתונה האָבען, נעמען אַ אָר׳נטליכען מענש פאַר אַ מאַן, האָבען אָר׳טליכע קינדער... זעהסט דו, און וואָס איז דער מעהר?

דער „פעטער״

(הייבט זיך אויף צו שרה׳ן).

יאָ, אַז דו וועסט איהר פיהרערין זיין! (בייז) געה, לאָז אַרויף צו איהר מאַנקען פון אונטען... האַלט זי דיר דאָ אין שטוב.

שרה

גיט נאָר אַ קוק, וויפיעל דאָס ברויעט אַרום! איך האָב אַמאָל מאַנקען אַרויפגענומען, אַז זי זאָל רבקה׳לען אויסלערנען אויף קאַנווע העפטען. עס איז דאָך אַ מיידעל, מען דאַרף איך אַ וויפראַווע קלעהרען... זי האָט זיך דען, מיט וועמען צו חבר׳ן? דו לאָזט זי דאָך נישט אויף דער גאַס אַרויס... (פויזע) ווילסט נישט — איז נישט.

דער „פעטער״.

ניין, איך וויל נישט, — דו הערסט? — ניין, איך וויל נישט, אַז מיין שטוב זאָל זיך מישען מיט אונטען (ווייזט אויפ׳ן קעלער) אָבגעשיידט זאָל מיין שטוב זיין! דו הערסט, ווי כשר׳ס פון טרפה׳ס אָבגעשיידט! אונטען (ווייזט אויפ׳ן קעלער) איז אַ „הייזעל״ און דאָ וואוינט אַ כשר כלה-מיידעל — דו הערסט? (קלאַפּט אין טיש מיט פויסטען) אַ כשר כלה-מיידעל וואוינט דאָ! אָבגעשיידט זאָל עס זיין!...

(עס הערען זיך טריט אויפשטייגען אויף די טרעפ).

### שרה

איז נישט, איז נישט, נור שריי נישט. (הארכט זיך איין) שאַ. מענשען געהען, ר׳ אלי געהט. (זי שטופט אַרונטער די לאָקען פון איהרע האָר הינטער׳ן שייטעל. וואַרפט אַראָב פון זיך דעם שערץ. דער „פעטער" מאַכט זיך גלייך די באָרד, דעם ראָק. שטעלען זיך ביי דער טהיר, אָבוואַרטען די געסט... די טהיר עפענט זיך ברייט, עס קומען אַריין שלמה מיט הינדלען).

### שלמה. הינדעל.

(אַ הויכער שטאַרקער יונג פון אַ יאָהר עטליכע צוואַנציג, אין לאַנגע שטיוועל מיט אַ קורץ רעקעל, לאָבוסעוואַטע בעוועגונגען, ווינקט מיט די אויגען ביים ריידען גבה׳דיג; הינדעל, — אַ פערעלטערט מיידעל, טראָגט קליידער, וועלכע פאַסען שוין ניט לויט איהרע יאָהרען, אָבגעשוואָנקט דאָס פנים. געהען ביידע דרייסט, היימיש).

### דער „פעטער"

(צו שרה׳ן).

קוק מיר אָן מיינע געסט... (צו שלמה׳ן) דאָ האָב איך קיין שום געשעפטען נישט, אונטען, אַלץ אונטען... (ווייזט אויפ׳ן קעלער) איך וועל אַראָבקומען.

### שלמה.

וואָס יאָגסט דו דיך אַזוי, וואָס? דו שעמסט דיך שוין מיט אונז?

### דער „פעטער".

הכלל, וואָס וועט עט׳ץ זאָגען גוטס?

### שלמה.

מאַכסט דאָך היינט אַ שטיקעל שמחה, זענען מיר דיר געקומען מזל-טוב זאָגען... אַלטע בעקאַנטע... וואָס, ניין?

שרה.

קוקט׳ס מיר אָן מיינע בעקאַנטע?

דער „פּעטער".

אַלץ געווען אַמאָל, פון היינטמאָל אָן — אויס ... דו ווערסט האָבּען אַ געשעפט — יאָ, נור אַלץ אונטען, (ווייזט איהם אויף׳ן קעלער) דאָ — קען איך דיך נישט, דו מיך נישט פון היינטמאָל אָן. — אַ טרונק בראָנפּען קענסט דו נאָך קריגען. (גיסט זיי ביידע אָן צו גלעזלעך בראָנפּען) אָבער מאַכט׳ס פלינקער, עס קען נאָך אַ מענש אָנקומען צו געהן.

שלמה

(נעהמט דאָס גלעזעל בראָנפּען אין האַנד אַריין, זאָגט צו הינדלען שעלמיש).

זעהסט, חתונה האָבּען איז אַ וואוילע זאַך, ווערט מען טאַקע אַ מענש מיט לייטען גלייך, לאָזט מען ספרי-תורות שרייבען, נישט אַזוי ווי דו, אַלפאָנסען, מיידען-יונגען. (צום „פּעטער") זעהסט, האָב איך מיך טאַקע פּערקוקט אין דיר און בין היינט אַ חתן געוואָרען מיט די חיה׳-טע — אָט, (ווייזט אויף הינדלען) אָט, ווער אפשר נישט זיין אַ שענע בעל-הבית׳טע? ווערסט זעהן, זי ווערט זיך אָנטהון אַ שייטעל, ווערט זי אויסזעהען ווי אַ גאַנצע רביצ׳ן, זאָלסט אַזוי לעבען מיט מיר.

דער „פּעטער".

זאָל מיר ווערען גוטע בשורות אָנגעזאָגט.... אַזוי, חתן-כלה געוואָרען? און ווען איז די חתונה מיט מזל?

שרה.

גיעב נאָר אַ קוק, מיט וועם ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענה׳ן! עס שטעהט איהם טאַקע אָן; מיט אויסוואורפען, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד, דער דיין, דער סופר קען נאָך אָנקומען צו געהן.

שלמה.

ווען די חתונה איז, פרעגסט דו? ווען האָט אַ „נאַש בראַט“ חתונה? עס ווערן זיין אַ פּאָר נקבות, וועט מען אַ חופה שטעלען און אַ „הייזעל“ זיך פערלייגען, וואָס דען, קען אַ „נאַש בראַט“ ווערען? קיין רב שוין נישט, נאָר עס מוז עפּעס זיין עקסטראַ, פיין, פייער און פלאַם, (ווינקט צו איהם) אַז נישט — לוינט נישט...

דער „פּעטער“.

און וואָס ווילסט דו פון מיר, זאָלסט מיר לעבען?..

שלמה.

וואָס איך וויל פון דיר? אַ קלייניגקייט נאָר. (ווייזט אויף הינדלען) עס איז דיין נקבה, יאָ? און דאָס איז מיין כלה. זי האָט צו דיר אַ פּרעטענזיע. (נעהמט פון הינדלען איהר לוין-ביכעל) און פון היינטמאָל אָן וועסט דו האָבען מיט מיר צו טהון, היינט וויל איך נאָר אַ קלייניגקייט. צעהן רובל אויפ׳ן ביכעל. (קלאַפּט מיט דער האַנד אויפ׳ן ביכעל) עס איז גוט געלד, גוט געלד. (מאַכט מיט די אויגען אויף הינדלען) זי וויל זיך דאָרט אַ קאַפּעלוש קויפען.

דער „פּעטער“.

אַלץ אונטען, אַלץ אונטען. איך וועל אַראָבקומען, וועט מען אַלע געשעפטען אָבמאַכען. דאָ קען איך דיך גאָר נישט. דאָ האָב איך מיט דיר קיין שום געשעפטען נישט.

שלמה.

ביי מיר איז אַלץ איינס — אונטען אָדער אויבען, אונטען וואוינט נישט קיין פרעמדער, אויבען וואוינט נישט קיין פרעמדער, „ווסיאָ ראַוונאָ“, איין טייוועל.

דער „פעטער".

(בייז שוין).

קלויב דיר די ביינער צוזאַמען, מאַך פלאַץ, דו הערסט? — אַ מע-ש דאַרף אָנקומען.

שרה.

אַ בייזע נאַכט אויף זייער קאָפּ, אויף זייער הענד און פיס, אַרויפגעקומען אונז די שמחה פערשטערען... (קוקט אויף הינדלען מיט אַבשוי) עס לוינט טאַקע איבער אַזאַ פעדערינשלאַצערין עגמת נפש צו האָבען.

הינדעל

(צו שרה'ן).

איך געפעל איהן נישט פאַר אַ נקבה, קענען זי זיך אַליין אַראָבשטעלען.

שלמה

(מאַכט צו הינדלען).

זאָג איהר, אַז די טאַכטער קען זי אַראָבשיקען. (צו שרה'ן) ח'לע-בען, זיי וועלען גאַנץ גוטע געשעפטען מאַכען.

דער „פעטער"

(געהט צו צו שלמה'ן).

מיך זידעל, דו הערסט? — (ווייזט אויף דער ווייב) זי זידעל, מיר וענען „פאַן בראַט", אָבער מיין טאָכטער'ס נאָמען דערמאָן נישט אין דיין מויל. דו הערסט? (דערנעהנט זיך צו איהם) זי דערמאָן נישט, אַז נישט וועל איך דיר די געדערים אויפשניידען. דו הערסט? זי קען דיך נישט, דו קענסט זי נישט.

שלמה.

ווען איך זי קענען, אַ „נאַש בראַטס”, נ״שט קיין ווייטע משפּחה.

דער „פּעטער”

(פּאַקט שלמה׳ן פאַר׳ן האַלז).

די געדערים נעהם איך דיר אַרויס... איך פּנים אַריין פּאַטש מיר, מיט די פיס קאָפּיע מיך, אָבער מיין טאָכטער׳ס נאָמען זאָלסט דו נישט דערמאָנען. (זיי רייסען זיך).

שרה

(לויפט צו).

אַ בראָך איז מיר נישט געשעהן! אַנידערגעשטעלט קריגען זיך מיט אויסוואורפס, דאָ קען נאָך אַ מענש אָנקומען צו געהן, וועה איז מיר, יעקל, ר׳ אלי, דער סופר... יעקל, יעקל, געדענק אָן גאָט! (שלעפּט איהם אַוועק) וואָס טהוט זיך מיט דיר? עס הערען זיך שווערע טריט פון שטייגען אויף די טרעפּ. שרה רייכט אַוועק דעם „פּעטער”). יעקל, יעקל, ר׳ אלי געהט, דער סופר געהט, אַ חרפּה און אַ שאַנד פאַר לייטען!

דער „פּעטער”.

ניין, דאָ אויפ׳ן אָרט... (האַלט נאָך שלמה׳ן).

ר׳ אלי׳ס קול

(אין דער טהיר).

זייט מוחל, סופר, דאָ וואוינט דער בעל מחנך. (ווייזט זיך אין טהיר, אַריינשטעקענדיג צוערשט זיין גרויסען קאָפּ מיט דער ליולקע). וואָס איז דאָ פאַר אַ געררודער, ביי אַ בעל-מחנך דאַרף זיין ששון ושמחה אין דער שטוב, נישט מען קריגט זיך. (נעהמט צוריק זיין קאָפּ אין הויז אַריין) זייט מוחל, סופר. (דער „פּעטער”, דערהערענדיג ר׳ אלי׳ס קול, לאָזט נאָך שלמה׳ן. שרה לויפט צו און שטעקט אַריין שלמה׳ן אַ שטיק פּאַפּיערען געלד, וועלבעס זי האָט

פון זאַק אַרויסגענומען, שטופט זיי ביידע, שלמה'ן און הינדלען, צו דער טהיר אָב; די לעצטע טרעפען זיך אין דער טהיר מיט'ן סופר און ר' אלי'ן, וועלכע רוקען זיך אָב פאַר אַ נקבה און לאָזען זיי דורך).

שלמה

(צו הינדלען, ביים אַרויסגעהן).

זעהסט, מיט וואָס פאַר אַ לייט ער חבר'ט זיך היינט... וואַרט, וואַרט, ער וועט נאָך אַ דאָזאָר אין שטאָדט ווערען. (געהען אָב, זאָגענ־דיג עפעס נאָך אין הויז).

## ר' אלי. דער סופר. די פריגע.

ר' אלי

(אַ נידריג יודעל, אַ דיקס, רעדט פלינק, מאַכענדיג דערביי בעוועגונגען מיט די הענד צו'חנפנ'דיג זיך, היימיש און דרייסט, איבערצייגט אין זיך).

זייט מוחל, זייט מוחל, סופר, (אין דער שטיל צום „פעטער" מיט שרה'ן) איהר דאַרפט אייך שוין פיהרען אַ ביסעל אָנשטענדיגער, עס איז שוין צייט, מענשען קומען...

דער סופר

(קומט אריין. אַ הויכער. אַלטער יוד, זיין לאַנגער, דאַרער קערפער הילט זיך אין אַ ברייטען האַלאַט איין. אַ לאַנגע, ווייסע, שיטערע באָרד. טראָגט ברילען אויף די אויגען. האַלט זיך קאַלט און געהיימניספול).

ר' אלי

(ווייזט אויף דעם „פעטער").
דאָס איז דער בעל מחנך.

דער סופר

(שמעקט צו איהם אויס די האַנד, אַנקוקענדיג איהם).

שלום עליכם, יוד.

## דער „פעטער"

(גיט די האַנד אַ קעגען, נישט זיכער, שרה רוקט זיך אָב אָן אַ זייט מיט דרך ארץ).

### ר' אלי

(זעצט זיך צום טיש, רוקט צו אַ שטוהל פאַר'ן סופר).

זעצט אייך, סופר.

(צו דעם „פעטער").

זעץ דיך. (דער סופר זעצט זיך, ביי ר' אלי'ן געגענאיבער טיש. דער „פע-טער" — נישט זיכער).

### ר' אלי

(צום סופר).

דאָס איז דיזער יוד, וואָס איך האָב פאַר זיינעטוועגען דאָס ספר-תורה בעשטעלט. (ער רוקט זיך צו בראָנפען און גיעסט אָן דעם סופר, דערנאָך זיך) קיין בן-זכר האָט ער נישט, וויל ער גאָט מהנה זיין מיט אַ ספר תורה. עס איז אַ מנהג בישראל, גאַנץ שען — דאַרף מען איהם מסייע צו זיין ... לחיים, סופר (גיט איהם די האַנד. צום „פעטער", געבענדיג די האַנד) לחיים, בעל מחנך, דו ביסט דאָך היינט דער בעל-שמחה.

(דער „פעטער" גיט צוריק די האַנד נישט זיכער. ר' אלי טרינקט. שרה דערנעהנט זיך צום טיש און רוקט צו ר' אלי'ן איינגעמאַכטס. דער „פעטער" ציהט זי ביים קאַפטען און ווינקט צו איהר, אז זי זאָל זיך ערוויטערן).

### ר' אלי

(נאָכ'ן טרינקען).

טרינקט, סופר, (צום „פעטער") טרינק, בעל מחנך, דו דאַרפסט דיך היינט משמח זיין, גאָט האָט דיר געהאָלפען. קענסט אַ ספר-תורה שרייבען, עס איז אַ גרויסע מצוה, אַ גרויסע מצוה.

דער „סופר"

(האַלט דאָס כוס אין דער האַנד, צו ר' אלי'ן, אויפ'ן „פעטער").

ווער איז דער יוד?

ר' אלי.

וואָס איז דער חילוק? אַ יוד... איז ער נישט קיין למדן, אַלע מוזען דען זיין למדנים? אַ יוד וויל מקיים זיין אַ מצוה, דאַרף מען איהם מקרב זיין. (צום „פעטער") טרינק לחיים, זיי דיך משמח.

דער „סופר".

וועט ער נאָר וויסען, ווי זיך מיט אַ ספר אומצוגעהן?

ר' אלי.

ווי הייסט ער וועט נישט וויסען? ער איז דאָך אַ יוד, און וועל־כער יוד ווייס נישט, וואָס אַ ספר־תורה איז? (טרינקט) לחיים, לחיים... זאָל גאָט געבען ישועות טובות אויף יודען.

דער „סופר"

(גיט די האַנד דעם „פעטער")

לחיים, בעל מחנך... (זאָגט איהר אָן) זאָלסט וויסען, אַ ספר־תורה איז אַ גרויסע זאַך, אויף אַ ספר־תורה שטעהט געשטיצט די גאַנצע וועלט און יעדעס ספר־תורה איז פונקט אַזוי ווי די לוחות, וואָס זענען אַראָב־געגעבען צו משה רבינו פון באַרג סיני אַראָב. יעדער שורה ווערט געשריבען אין ספר־תורה בטהרה וקדושה... אין דעם הויז, וואו עס שטעהט אַ ספר־תורה, דאָרט געפינט זיך גאָט... מוז עס זיין אָבגעהיט פון יעדערע טומאה... יוד, זאָלסט וויסען אַז אַ ס"ת...

דער „פעטער"

(ווערט דערשראָקען, שטאַמעלט).

רבי... רבי... איך וועל זאָגען דעם רבי'ן דעם גאַנצען אמת,

וועל איך זאָגען... איך בין אַ זינדיגער מענש... רבי, איך האָב מורא...

ר׳ אלי.

(פאַלט איהם אין די רייד אַריין, צום סופר).

דער יוד איז אַ חוזר בתשובה דאַרף מען איהם מקרב צו זיין, עס איז אַ בפירוש׳ע גמרא, און ווי הייסט ער ווייסט נישט, וואָס אַ ספר-תורה איז? ר׳איז דאָך פאָרט אַ יוד. (צום „פעטער״) פאַר אַ ספר-תורה דאַרף מען דרך-ארץ האָבען, גרויס דרך-ארץ האָבען, פונקט אַזוי ווי אַ גרויסער רב וואָלט ביי דיר אין שטוב געווען. מען טאָר נישט ריידען קיין עזות׳דיגקייט אין דעם שטוב, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, און מען מוז זיין אָבגעהיט מיט צניעות. (רעדט צו שרה׳ן, קוקענדיג אין איהר, נאָר נישט אויף איהר) אַ אשה דאַרף זיך נישט אויפדעקען די האָר אין דער שטוב, וואו עס שטעהט אַ ס״ת... (שרה שטופט זיך אַרונטער די האָר אונטער׳ן שייטעל) טאָר נישט צוגעהן צום ספר-תורה מיט נאַקעטע הענד. פאַר דעם, אין דעם הויז, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, געשעהט קיין שום שלעכטס נישט, עס איז שטענדיג עושר והצלחה, און עס היט אָב דעם מענש פון אַלדעס בייז (צום סופר) ווי הייסט, ער ווייסט נישט? זעגען דאָך יודען... (שרה שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ).

דער סופר.

ר׳ יוד, איהר הערט, אויף אַ ספר-תורה שטעהען גאַנצע וועלטען, אין דער ספר-תורה איז דער גאַנצער קיום היהדות, מיט איין וואָרט, חלילה, מיט איין וואָרט קענט איהר דאָס ספר-תורה פערשעמען און עס קען, חלילה, קומען אַ גרויס אונגליק אויף אַלע יודען, רחמנא לצלן!

דער „פעטער״

(שטעלט זיך אויף פון טיש).

רבי, איך וועל אַלץ זאָגען... רבי, (געהט נעהנטער צו) איך ווייס, איהר זענט אַ הייליגער יוד, איך בין נישט ווערט, אַז איהר, רבי,

זאָלט זיך געפינען דאָ... אונטער מיין באַלקען... רבי, איך בין אַ זינדיגער מענש, זי (ווייזט אויפ'ן ווייב) איז אַ זינדיגער מענש, מיר טאָרען זיך נישט צוריהרען צו אַ ספר-תורה... רבי, דערינען... (ווייזט אויפ'ן טהיר לינקס) פאַר איהר, רבי, (געהט אַריין אין רבקה'לעס צימער און פיהרט ארויס רבקה'לען ביי דער האַנד. זי האַלט אין דער האַנד אַ סאַמעט קליידעל פון אַ ספר-תורה, אויף וועלכען זי העפט אַ מגן-דוד אויס מיט גאָלד-שטעך) רבי, זי (אויף רבקה'לען) מעג מיט אַ ספר-תורה אומגעהן, זי איז אַזוי כשר, ווי אַ ספר-תורה. פאַר איהר, רבי, האָב איך דאָס ספר-תורה בעשטעלט, (ווייזט אויף איהר אַרבייט) זעהט, רבי, זי העפט אויס אַ קליידעל פאַר'ן ספר-תורה'ס וועגען, זי מעג, רבי. איהרע הענד זענען כשר'ע הענד. איך, רבי, (קלאַפּט זיך אויפ'ן האַרץ) איך וועל זיך נישט צוריהרען צו אַייער ספר-תורה... זי, (אויפ'ן ווייב) זי וועט זיך נישט צוריהרען צו אַייער ספר-תורה... זי, רבי, (לייגט די האַנד אויף רבקה'לעס קאָפּ) זי וועט דער-מיט אומגעהן, ביי איהר אין שטיבעל וועל איך דאָס ספר-תורה שטעלען, חתונה האָבען, אַרויס פון מיין הויז — נעהם דיר דאָס ספר-תורה'לע מיט מיט דיר צו דיין מאַן...

## ר' אלי

(צום „פעטער").

דאָס הייסט, דו מיינסט, אַז דו וועסט חתונה מאַכען דיין בתולה, וועסט דו איהר דאָס ספר-תורה נדן געבען, וואָס, ניין?

## דער „פעטער".

ר' אלי, אַז מיין טאָכטער וועט חתונה האָבען, וועל איך איהר נדן געבען, אַ סך געלד נדן און וועל זאָגען צו איהר אַזוי: דו געה אַרויס פון דיין טאַטענס הויז און פערגעס... פערגעס דיין טאַטען... פערגעס דיין מאַמען... און האָב כשר'ע קינדער, יודישע קינדער, אַזוי ווי יעדע יודישע טאָכטער. אָט וואָס איך וועל זאָגען צו איהר.

## ר' אלי.

דו ווילסט, הייסט עס, דאָס ספר-תורה אַ חתן-מתנה דיין טאָכטער'ס

חתן שענקען, וואָס, ביין? (צו דעם סופר) זעהט איהר, ר׳ אַהרן, עס ענען נאָך פערהאַנען יודען אויף דער וועלט; אַ יוד האָט אַ טאָכטער לאָזט ער שרייבען אַ ספר-תורה פאַר׳ן חתן וועגען... ווי שען איז דאָס, ווי גוט איז דאָס, איך זאָג אייך, ר׳ אַהרן, אַז דאָס יודישקייט... אַז דאָס יודיש... אַך—אַח... (קלאַפּט מיט די ליפּען).

## דער „פּעטער״

(פיהרט צוריק אריין רבקה׳לען אין איהר צימער, מאַכט צו די טהיר נאָך איהר).

רבי, פאַר אייך מעג איך דאָך זאָגען, מיר זענען דאָך אַליין, מיין ווייב מעג עס הערען. רבי, מיר זענען זינדיגע מענשען. איך וויים, גאָט וועט אונז שטראָפען, זאָל ער שטראָפען. האָב איך אַ זאָרג. די פוס זאָל ער מיר אַראָבנעמען, אַ קאַליקע זאָל ער מיך מאַכען... בעטלען זאָל איך אַרומגעהן, נאָר מיט דעם נישט... (שטילער) רבי, אַז מען האָט אַ זוהן, און ער פאַסקודעוועט זיך—חאַפּט איהם דער טייוועל, אָבער אַ טאָכטער, רבי, אַ טאָכטער פערזינדיגט זיך—איז ווי די מאַמע אין גרוב וואָלט געזינדיגט... בין איך געגאַנגען אין הייליגען בית-המדרש אַריין... בין איך צוגעגאַנגען צו דעם יוד (וויזט אויף ר׳ אלי׳ן) און זאָג צו איהם אַזוי: דו גיעב מיר עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אָבהיטען מיין שטוב פון זינד... מאַכט ער צו מיר: לאָז דיר שרייבען אַ ספר-תורה און שטעל עס דיר אין שטוב אַריין. רבי, אונז... סיי ווי סיי די נשמה דעם טייוועל איבערגעגעבען... פאַר איהר, רבי... ביי איהר דערינען אין שטיבעל וועל איך דאָס ספר-תורה אַריינשטעלען, זי זאָל דערמיט אומגעהן... מיר—טאָרען נישט...

(ר׳ אלי בייגט זיך איין צום סופר און רערט עפּעס מיט איהם אין דער שטיל, מאַכענדיג דערביי פערשיעדענע בעוועגונגען מיט די הענד, וויזענדיג אויפ׳ן „פּעטער״. דער פּעטער און שרה שטעהען ביים טיש אין וואַרטען, פויזע...)

## דער סופר

(נאָך אַ קורצען ישוב הדעת).

און וואו זענען בעלי-בתים? כבוד-התורה?

## ר׳ אפי.

מיר וועלען געהן אין בית המדרש אַריין, מיר וועלען צוזאַמען געהמען אַ מנין יודען, עס וועלען זיך שוין געפינען יודען, וואָס ווילען מכבד זיין די תורה. (הויבט זיך אויף פון טיש און גיעסט אָן די גלעזלעך, קלאַפענדיג דעם „פעטער" אויף די פלייצעס) נו, נו, גאָט וועט העלפען, זיי דיך משמח, בעל מחנך, גאָט איז מקרב בעלי תשובות... נישקשה, וועסט אויסגעבען דיין בתולה פאַר אַ תלמיד חכם, וועסט נעהמען אַ אָרים ישיבה-בחור פאַר אַן אײדעם, וועסט איהם פרנסה געבען, ער וועט זיצען און לערנען אין די הייליגע תורה, אין דעם זכות פון דער תורה וועט דיר גאָט מוחל זיין... (פויזע) איך האָב שוין טאַקע געקלעהרט וועגען דעם און האָב טאַקע אויפ׳ן אויג אַ חתן — אַן׳אַנטיק, אַ פיינעם קאָפ... דער פאָטער, זעהר אַ אָרנ׳ליכער יוד... (אָבהאַקענדיג) אַ סך ווילסט דו געבען דיין בתולה נדן?

## דער „פעטער".

רבי, אַלץ נעהמט מיר אַוועק. די קאַפּאָטע וועל איך מיר לאָזען אויסטהון... אַלץ... אַלץ... און דו קען נישט דיין טאַטען... דיין מאַמען... הינטער אַרום וועל איך זיי שיקען. נאַ דיר דיין עסען, דיין טרינקען און לערן דיר דאָרט אין דיינע הייליגע ספרים... איך קען דיך נישט... דו קען מיך נישט...

## ר׳ אלי.

עס וועט שוין רעכט זיין. אין דעם זכות פון דער הייליגער תורה... קומט, סופר, קומט, בעל מחנך, אין בית-המדרש אַריין. אַ מנין יודען זוכען, וועלען מיר זיך מיט׳ן ספר משמח זיין... (צום סופר) זעהט איהר, ר׳ אהרן, אַ יוד, חאָטש ער זינדיגט... פאָרט אַ יוד, אַ יודישע נשמה— זוכט אַ אײדעם אַ תלמיד-חכם... (צום „פעטער") נישקשה, נישקשה, גאָט וועט העלפען... גאָט האָט ליעב בעלי-תשובות, נאָר צדקה דאַרף מען טהון לומדי-תורה; קען מען אַליין נישט, מוז מען אַ תלמיד-חכם אונטערשטיצען, וואָרום על תורה עולם עומד; אויף די תורה שטעהט

די וועלט... (צום סו ר) נישט וואָהר, ר׳ אהרן? און פאַר וואָס דען נישט? (אויפ׳ן פעטער) איך האָב דאָך זיין פּאָטער געקענט... אַ גאַנץ אָרנ׳ליכער יוד געווען... אַ בעל עגלה געווען... אַ גאַנץ שענער יוד... גלויבט מיר, גאָט וועט העלפען און דער יוד וועט נאָך ווערען מיט יודען גלייך... (צום „פעטער”) נאָר דער עיקר איז, מען מוז זיין אַ חוזר בתשובה בשלמות, דאָס הייסט, מען געהט נישט אויף דעם זעל-בען וועג, אויף וועלכען מען איז געגאַנגען... און מען שטיצט אונטער לימדי-תורה...

## דער „פעטער”

(דרייסטער, דערנעהנטערט זיך צו ר׳ אלי׳ן).

לאָזט מיך נאָר, ר׳ אלי, אַביסעל אויפ׳ן לייב קריעגען, אַז איך זאָל מיין טאָכטער אַ שענעם נדן קענען געבען, איז מיין נאָמען נישט יעקל טשאַפּטשאָוויטש, ר׳ אלי, אויב איך מאַך נישט צו דאָס „קרע-מעל”... איך וועל האַנדלען מיט פערד, וועל איך האַנדלען... ווי מיין טאַטע, עליו השלום... איך וועל מיר אַ שטאַל פערלייגען, פאָהרען אויפ׳ן לאָוויטשער מאַרק, און מיין איידעם וועט זיך דאָרט, דע-רינבען, זיצען און לערנען תורה. אַהיים קומען אויף אַ שבת — וועל איך מיך אָט דאָ אַנידערזעצען און וועל מיר אויסהערען ווי מיין איידעם לערנט אין די גמרות — איז נישט מיין נאָמען יעקל, אויב איך זאָג ליעגען!

## ר׳ אלי.

נישקשה, נישקשה, גאָט וועט דיר העלפען, גאָט וועט דיר העלפען. נישט וואָהר, ר׳ אהרן?

## דער סופר.

ווער קען וויסען? אונזער גאָט איז אַנ׳אל רחום וחנון — אָבער ער איז אויך אַנ׳אל נוקם ונוטר. (געהט אַרוים) נו, עס ווערט דאָך שוין שפּעט, לאָז מען געהן אין בית-המדרש אַריין. (געהט אָב).

דער „פעטער".

וואָס זאָגט דער רבי?

ר׳ אלי.

נישקשה, נישקשה, גאָט וועט העלפען... ער מוז העלפען... קום, קום, בעל מחנך, נעהם אַהיים דאָס ספר-תורה בשמחה וששון. (געהט. דער פעטער וויגערט זיך. ווייסט נישט, וואָס צו טהון. ר׳ אלי בעמערקט עס). וואָס, דו ווילסט נאָך עפּעס דיין פלונית זאָגען, אַז זי זאָל אָנ-גרייטען, ווען מיר וועלען מיט׳ן ספר קומען?

שרה.

(צו ר׳ אלי׳ן).

עס איז אָנגעגרייט, ר׳ אלי, אָנגעגרייט.

ר׳ אלי.

נו, וואָס וואַרטסטו? דער סופר איז שוין געגאַנגען.

דער „פעטער"

(שטעהט ביי דער טהיר, נישט זיכער, וויזט מיט׳ן פינגער).

איך אינאיינעם מיט׳ן רבי׳ן איבער דער גאַס?

ר׳ אלי.

קום, קום, אַז גאָט איז דיר מוחל, זענען מיר דיר אודאי מוחל.

דער „פעטער"

(ענטוזיאסטיש).

ר׳ אלי, איהר זענט אַ גוטער רבי, (שפרייט אויס די הענד, וויל איהם

ארומנעהמען, דערמאָנט זיך, האַלט זיך צוריק). אַ גוטער רבי... זאָל איך שוין אַזוי לעבען... (געהען אַב אינאיינעם. עס ווערט פאַרנאַכט).

שׂרה. נאָכהער רבקה׳לע.

שרה.

(נעהמט זיך פלינק די שטוב צוצורוימען, דעם טיש גלייך צושטעלען. רופט אין דער צווייטער שטוב, צו רבקה׳לען):

רבקה׳לע, רבקה׳לע, קום מיר אַריין העלפען, מען וועט דאָך באַלד מיט׳ן ספר-תורה אָנקומען צו געהן.

רבקה׳לע.

(ווייזט זיך אין דער טהיר. נישט זיכער).

דער טאַטע איז שוין נישט דאָ?

שרה.

ניין, רבקה׳לע, ער איז געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין מיט ר׳ אלי׳ן, מיט׳ן סופר, נאָך בעל-בתים, דער רב וועט קומען.

רבקה׳לע

(ווייזט דאָס ספר-תורה-קליידעל).

זעהסטו, ווי שען איך האָב עס אויסגעהאָפטען?

שרה

(פערנומען).

איך זעה, איך זעה. קעם זיך אויף, טו זיך אָן, די בעלי-בתים וועלען דאָך קומען... דער רב...

רבקה׳לע.

איך וועל אַרויפרופען מאַנקען, זי זאָל מיך אויפקעמען, איך האָב

אזוי ליעב, אז זי קעמט מיך אויף. זי פערקעמט מיך אזוי שען, אזוי גלייך די האר... איהרע הענד זענען אזוי קיהל... (נעהמט עפּעס אין האנד און קלאפּט אין דער פּאָדלאָגע, רופענדיג): מאנקע, מאנקע!

שרה

(דערשראָקען).

וואס טהוסטו, רבקה׳לע, ניין, דער טאטע וועט שרייען. עס פּאַסט שוין נישט פאר דיר, דו זאָלסט דיך חבר׳ן מיט מאנקען, דו ביסט שוין א כלה-מיידעל, א בעל-הבתיש קינד, מען רעדט דיר שדוכים, פיינע שדוכים, מיט לערן-קינדער...

רבקה׳לע.

איך האב אזוי ליעב מאנקען.

שרה.

עס איז א חרפה פאר דיר צו חבר׳ן זיך מיט מאנקען... דו ביסט א בעל-הבתיש קינד, דו וועסט דיך חבר׳ן מיט בעל-הבתישע קינדער... מען רעדט דיר שוין שדוכים, פיינע שדוכים, דער טאטע איז געגאנגען דעם חתן זעהן פאר דיר, ר׳ אלי האט געזאָגט... (נעהמט אב אין דער צווייטער שטוב אריין) מען דארף זיך אָנטהון, ריין ארומוואשען... די געסט וועלען באלד קומען...

רבקה׳לע.

א חתן, וואס פאר א חתן, מאמעשי?

שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

א חתנ׳דעל — א גאלד, א פיין לערן-קינד, פון א שענער משפחה.

(מאנקע ווייזט זיך אין דער טהיר פון געגענאיבער דער סצענע, שטעקט צו-

ערשט אריין דעם קאָפּ, ווינקענדיג קאָקעט מיט'ן פינגער אויף רבקה'לען;
רבקה'לע דערנעהנטערט זיך צו איהר הינטערווײלעכס, ווינקענדיג צו מאַנקען.
אין שטוב הייבט אָן צו טונקלען.)

רבקה'לע.

(פאַלט אין מאַנקעס אָרעמס. רעדט צו דער מוטער אין דער צווייטער
שטוב אריין).

עפּעס אַ שענער חתן, מאַמעשי?

(מאַנקע קושט זי לײַדענשאַפטליך).

שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

יאָ, טאָכטערשי, אַ שענעם חתן, מיט צוויי שוואַרצע פּאה'לעך,
אַנ'אַטלאַסין קאַפּאָטעל מיט אַ סאַמעטען קאַשקעטעל, ווי אַ רב געהט
ער אָנגעטהון, ער איז אַ רב'ס אַ זוהן, ר' אלי האָט געזאָגט.

רבקה'לע

(אין מאַנקעס אָרעמס, גלעטענדיג מאַנקעס באַקען).

וואו וועט ער זיין, מאַמעשי?

שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

דאָרט, דערינען ביי דיר אין שטיבעל, וואו דאָס ספר-תורה וועט
שטעהן, וועט ער דאָרט וואוינען מיט דיר און לערנען אין די היי-
ליגע תורה.

רבקה'לע.

(אין מאַנקעס אָרעמס).

וועט ער מיך ליעב האָבען, מאַמעשי?

שרה

(ווי פריהער).

זעהר, טאָכטערשי, זעהר. עטץ וועט האָבען אָרענטליכע קינדער, כשר'ע קינדער...

(אין דער צייט, ווען זיי ריידען, פאלט די פאָרהאנג זעהר לאנגזאם, איבער לאָזענדיג די שפילענדע אין דער זעלבער פאָזע).

(פאָרהאנג).

# צווייטער אקט.

# סצענע.

## אין קעלער-שטוב.

א גרויסע קעלער-שטוב אין אַנ'אַלטער געביידע. אַ טיעפער אויסגע-וועלבטער באַלקען. האַרט ביים באַלקען — צוויי טיעפע, נידריגע פענסטערלעך מיט פאָרהאַנגליך און בלומען-טעפּ זענען אויפגעעפענט און עס רעגענט דורך זיי אַריין... אַ טרעפּ אַרויף צו דער טהיר, וועל-כע איז געמאַכט אין דעם אָרט, ווו אַ שיעף-געביידע. די ערשטע העלפט פון דער טהיר איז אויפגעעפענט אין דער נאַכט אַריין, פון וואַנען עס טריפט אַ דין-רעגענדעל אַהער. אין הינטערגרונד — איינינע, גאַנץ קליינע, חדרים'לעך, אָבגעזונדערט איינס פון דעם צווייטען מיט דינע ווענטלעך, פערהאָנגען מיט דיקע שוואַרצע פאָרהאַנגען. איין פאָרהאַנג איז אויפגעדעקט, — אין דעם צימערעל שטעהט אַ בעט, אַ וואַש-טיש, אַ שפּיגעל און מיידעל-געשיר, מיט אַ קאָליערט נאַכט-לעמפּעל. דאָס מעבעל פון דעם קעלער-שטוב בעשטעהט פון איינינע קאַנאַפּעס, טיש, בענק, קאָרטען-טישלעך. די ווענט זענען בעהאָנגען מיט שפּיגלען, בעפּוצט מיט ביליגער גאַלאַנטעריי, פּרויען-בילדער און רייצענדע פּאָ-זעס... אויף איינע פון די קאַנאַפּלעך ליגט שלמה אויסגעצויגען, די לאַנגע שטיוועל זיינע דערגרייכען ביז צו אַ צווייטען בענקעל. ער שלאָפט. פריהלינגס-נאַכט. די שטוב בעלייכטעט אַ גרויסער הענג-לאָמפּ.

שלמה. נאכהער הינדעל.

הינדעל

(קומט אריין, שטעהט א מינוט אויף די טרעפ און קוקט אראב אויף שלמה'ן. זי איז אין א לייכטער טוך ארומגעהילט, קאקעט געקליידט אין א קורץ קלייד, א נישט פאסענדע לויט איהרע יאהרען. געהט ארום אין שטוב, קלאפענדיג מיט די פיס, כדי שלמה זאל זיך אויפוועקען.)

שלמה

(וועקט זיך, קוקט זיך ארום.)

דו ביזט עס? וואס נישט אין דרויסען?

הינדעל.

עס האט אנגעהויבען צו רעגענען.

שלמה

(אויפזעצענדיג אויף די קאנאפע.)

ענטפערסט מיר גאר, פריצ'טע? האסט זיך שוין מיט מיר איבערגעבעטען?

הינדעל.

איך בין גאר נישט ברוגז געווען.

שלמה.

אזוי... אז דו ווילסט, קענסט דו ווייטער אויך ברוגז זיין.
(לייגט זיך צוריק.)

הינדעל

(קוקט זיך אום. לויפט צו צו א פּאָרהאַנג און האַלט זיך איין, לויפט צו צו שלמה'ן).

שלמה, איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגעהן. זעה, יעצט זעגנען מיר אַליין, קיינער הערט אונז נישט, זאָג מיר, אַזוי ווי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, זאָג מיר, מיינסט מיט אַנ'אמת צו שטעלען אַ חופה?

שלמה.

געה, פריצ'טע, מאַך דיר קניפּלעך אין העמד, און בעקלאָג דיך דערנאָך פאַר'ן „פּעטער", אַז איך נעהם ביי דיר דאָס גאַנצע געלד אַוועק. דו האָסט דיר נישט, פאַר וואָס אַ קאָפּעלוש צו קויפען...

הינדעל.

יאָ, איך האָב געזאָגט. עס האָט מיך געקרענקט, אונטער'ן האַרץ געשניטען. דאָס העמד פון לייב נעהמסט דו מיר אַראָב און דו קריכסט צו דער געלער צויג... דאָס פּרצוף וועל איך איהר מיט פּעטראָל בע-גיסען. מען שפּירט דאָך איהר פון מויל. ווי קען מען ביי אַזעלכעס שטעהן? אויסגעזוכט זיך אַ סחורה!

שלמה.

טרעטסט אָב? גיב איך דיר אַ פּלעם צווישען די אויגען, זעהסט דו די עלטער-באָבע פאַר זיך!

הינדעל.

שלאָג, שנייד פּאַסען פון מיין לייב... (רייסט אראָב דעם ארבעל פון איין האַנד און ווייזט) בלאָהע פלעקען האָסט דו מיר געמאַכט. (רייסט דעם ארבעל פון דער צווייטער האַנד) נאַ דיר, שנייד, קנייפּ, נאָר זאָגען זאָלסט דו מיר, דאָ אויפ'ן אָרט, אַזוי ווי דו געדענקסט דיין טאַטען אין קבר און אַזוי ווי דו זאָגסט קדיש נאָך איהם — ווילסט טאַקע אויף דעם רעכ-טען אמת מיט מיר חתונה האָבען?

שלמה

(ליגענדיג).

איך האָב אַמאָל געוואָלט. נאָר היינט וויל איך נישט.

הינדעל

דאַרף מען נישט. אָט אַזוי האָב איך ליעב. נאָר נאַרען זאָלסט דו נישט. ווילסט געלד — זאָג, אַ קאַפּאָטע — נאַ דיר. נאָר צו גענאַרען וואָס האָסט דו? (ערוויִיטערט זיך פון איהם).

שלמה.

נישקשה, הגנים זענען דאָ אויף דער וועלט, וועסט פּאַקען אַ הענט.

הינדעל

(אויפרוקענדיג די פּיִרהאַנג פון איהר צימערל).

וואָס האָסט דו דיר דעם קאָפּ אויסצודאַרען פאַר מיינעט וועגען?

שלמה.

ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. (פּויזע) נו, וועסט חאָטש נאָך וועלען אַ גלאָז טהיי דערלאַנגען?..

הינדעל

ברענגט איהם אריין אַ גלאָז טהיי פון איהר שטיבעל, שטעלט אויפ'ן טיש. אליין געהט זי אָב צו זיך אין איהר צימערל, זעצט זיך אַנידער ביי איהר קאָסטען, זוכט דאָרט אין איהם. נאָך אַ קליינע פּויזע, פון איהר חדר'ל).

אַזוי, איז זי דיר געפעלען, נו... נו... וועסט דו יעצט האָבען אַ געטועכטס, האַנטיכער צו קויפען — דיין ווייבעלס ברוסטען אָנצופי-הלען, צייהן איהר לאָזען אַריינשטעלען און אויף שטאָלצען זי אַרויפ-

שטעלען, און וועסט דיר אַ קאַטאַרינקע קויפען און אין הויפען זי אַרומפיהרען, ווייזען ס'געווערק. אַ שענער קאַטאַרינאַרש, כ'לעבען. איך וועל דיר אויך אַ צווייער פון פענסטער רּאַבוואַרפען

ש ל מ ה.

האַלט ס'פיסק, זאָג איך דיר...

ה י נ ד ע ל.

און אַז נישט, וואָס וועסט דו מיר טהון?

ש ל מ ה.

אָנפּאַטשען.

ה י נ ד ע ל.

אָ, אָ, היינט פּאַטשט מען נישט, היינט גיט מען פּאַר פּעטש מיט מעסערס צוריק.

ש ל מ ה.

(שטעלט זיך אויף).

ווער דאָס אַזעלכעס? (געהט אַריין צו איהר אין צימערל) ווער דאָס אַזעלכעס? (זי בעהאַלט עפּעס פלינק אין קאַסטען) וואָס האָסט דו דאָ אַזוינס, וואָס דו בעהאַלטסט עס אַזש אין דער זיידענער בלוזע?

ה י נ ד ע ל.

וואָס געהט עס דיר אָן?

ש ל מ ה.

ווייז, זאָג איך דיר! (רייסט זיך מיט איהר, רייסט פון איהר האַנד א

רויטע בלוזע ארויס. ער קומט פון דעם צימער׳ל ארויס) נו, זאָל מען אָקאָרשט זעהן. (ער צורייסט די בלוזע מיט אימפעט, עס פאַלט ארויס פון איהר א פאָטאָגראפיע.) אַהאַ, משה׳לע שלאָסער, ער זאָל דער גביר זיין? פון ווען אָן ביסטו דאָס מיט איהם „פאַן-בראַט” געוואָרען? (געהט אריין צו איהר אין צימערל).

הינדעל.

וואָס געהט עס דיך אָן?

שלמה.

אָט וואָס ס׳געהט מיך אָן... (ער פאַטשט זי אויס, זי פאַלט אויפ׳ן בעט און וויינט) אַזוי, מיט משה׳לע שלאָסער חבר׳סט דו זיך גאָר, פאָטאָגראַפיעס געגעבען, חתן-כלה-פאָר, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט? (פויזע. אָבגעהענדיג צוריק צו זיין טיש) און איך האָב עס גאָר נישט געוואוסט... (טרינקט חייטער דעם טהיי, שטעלט זיך אויף, געהט אויף די טרעפּלעך צו דער טהיר) און איך האָב עס גאָר נישט געוואוסט... (ער שטעלט זיך אָב ביי דער טהיר) הינדעל! (זי ענטפערט נישט) הינדעל, אַהער קום! (זי ענטפערט נישט) הינדעל! (טופּעט מיט די פיס. בייז אראָבלויפענדיג פון די טרעפּלעך) אַהעַר, זאָג איך דיר, דו הערסט?...

הינדעל.

(הויבט זיך אויף פון איהר בעט, געהט אהין צו איהם, פערשטעלט זיך דאס פנים מיט א טיכעל.)

וואָס ווילסטו?

שלמה.

האָסט מיט מאַנקען גערעדט?

הינדעל.

(וויינענדיג).

יאָ.

שלמה.

נו, וואָס זאָגט זי?

הינדעל

(נאָך מיט געוויין).

אַז מיר וועלען האָבען אונזער „הייזעל”, וועט זי צו אונז אַרײַבערקומען.

שלמה.

געוויס?

הינדעל

(ווישט זיך אויס די אויגען).

יאָ, אַליין וויל זי אָבער נישט געהן, אַ חבר׳טע וויל זי מיטברענגען.

שלמה.

געוויס, פון איין נקבה וועסטו פרנסה האָבען, דירה-געלד צאָהלען?

הינדעל

מען וואָלט געדאַרפט איינע אַ פרישע...

שלמה.

ח׳לעבען, דאָס וואָלט שוין פרנסה געגעבען, וואו נעהמט מען זי אָבער?

הינדעל.

איך האָב אַנ׳אויג אויף אַ נקבה—אַ פּאַרשוין ווי אַ בוים, אַ מיידעל נאָך...

שלמה

(נייגיריג).

עס קען זיין פון איהר פרנסה?

הינדעל.

אָבער נאָך ווי...

שלמה.

אַ מיידעל... אַ נקבה פון אַ הייזעל?

הינדעל

ניין, אַ בעל-הבת׳ישע טאָכטער.

שלמה.

פון וואַנען קענסט דו זי?

הינדעל.

זי קומט צו מאַנקען יעדע נאַכט, גנב׳עט זיך אַרויס פון פאָטערס שטוב... קיינער זעהט נישט... עס ציהט זי אַהער... זי איז אַזוי נייגיריג...

רבקה׳לע

(שטעקט אריין איהר נאסען קאָפּ דורכ׳ן פענסטער, ווינקט צו הינדלען).

פּס-ס-ס, דער טאַטע איז דאָ?

הינדעל

(ווינקט צו איהר).

ניין.

(רבקה'לע געהט אָב פון פענסטער).

שלמה

(מאַכט מיט די אויגען צו הינדלען).

**זי, דעם „פעטערס" טאָכטער? אַ פרנסה — אַ גאָלד!**

הינדעל.

**שאַ, שטיל, זי קומט.**

רבקה'לע

(שלאַנק און שען, בעל-הבתיש געקליידט, אין אַ שווארץ טיכעל ארומגעהילט, שלייכט זיך אריין אין דער שטיל, לויפט אראָב מיט הארץ-קלאפעניש פון די טרעפּ, רעדט מעהר מיט די הענד, ווי מיט'ן מויל).

**מאַנקע וואו איז? דאָרט? (ווייזט אויף א פערהאָנגען צימערל) דאָרט... מיט?...**

הינדעל

(ווינקט איהר מיט די אויגען אויף יאָ).

רבקה'לע

(שטעלט זיך אַרונטער די פאָר-אַנג, הערט זיך ליידענשאַפטליך איין. מיט הארץ-קלאַפּענעש קוקט זי זיך אַלע מאָל אַרום).

שלמה

(אין דער שטיל, צו הינדלען).

**מען דאַרף מאַרגען געהן די וואוינונג זעהן, אויף פיוונע גאַס.**

הינדעל.

**ווען וועט מען די חופה שטעלען?**

שלמה.

מען מוז דאָך צו ערשט אַ וואוינונג האָבען.

הינדעל.

ווער ווייסט, וויפעל דער רב וועט זיך הייסען געבען פאַר מסדר קדושין זיין?

שלמה.

עס זאָל נאָר נאָך איבערבלייבען אויף מעבעל אַיינצוקויפען, עס דאַרף דאָך אויסזעהען לייטליך.

(די טהיר פראַלט זיך מיט רעש אויף, עס קומט אַריין דער פעטער).

דער „פעטער".

(דאָס געזיכט האָט נאָך אין זיך געגוג לאָבוסעוואַטע שפורען, וועלכע פערצעהלען פון זיין יוגענד. געקליידט שוין ערנסט. קלאַפּט אָב דעם הוט פון רעגען).

נאַ דיר אַ פרנסה, אַ רעגען גאָר (דערזעהט פּלוצלונג רבקה'לען, מיט כעס). וואָס, דאָ? ! (חאַפּט זי אָן פאַר'ן קאָלנער און טרייסעלט זי, קריצענדיג מיט די צייהן) וואָס טהוסט דו דאָ?

רבקה'לע.

די מאַמ... די מאַמע האָט מיך געהייסען... רופען... (וויינט) טאַטע, שלאָג מיך נישט!

דער „פעטער".

די מאַמע, די מאַמע האָט דיך געהייסען... דאָ... (שרייט) די מאַמע! (פיהרט זי פאַר'ן קאָלנער אויף די טרעפּ אַרויף) צו אַלדעס שלעכטס וועט זי דיך נאָך ברענגען! עס ציהט זי... זי וויל האָבען, אַז די טאָכטער זאָל זיין ווי די מאַמע איז געוועזען....

רבקה'לע

(וויינט).

טאַטע, שלאָג מיך נישט...

דער „פעטער".

איך וועל דיך לערנען, ווי דו זאָלסט אַ טאַטען פאָלגען. (פיהרט זי ארויס, פון דרויסען הערט מען רבקה'לעס געוויין).

שלמה.

יענקעלע בענקאַרט, עס פּאַסט איהם גאָר נישט אָן, אַז די טאָכטער זיינע זאָל זיין אַ נקבה... (פון באַלקאָן דערהערט זיך אַ געוועדער, אַ טאַפּען מיט די פיס, אַ וויינענדיג קול פון אַ פרוי) מוז ער דאָס איבער דעם ווייב דאָס לעדער צוהאַקען: אָוואַ... אָוואַ...

הינדעל.

גאַנץ גוט אַזוי, אַ מאַמע דאַרף היטען אַ טאָכטער... וואָס דו ביסט געוועזען, — ביסט דו געוועזען, האָסט דו חתונה געהאַט, האָסט דו אַ קינד, היט עס... וועסט זעהן, אַז גאָט וועט העלפען און מיר וועלען האָבען אונזערע קינדער, וועל איך זיי שוין וויסען ווי אויפצוציהען. ביי מיר וועט אַ טאָכטער זיין אַזוי ריין ווי אַ צדקית, רויטע באַקען ווי די באַרקעס... קיין אויג נישט לאָזען אויף איהר פאַלען, חתונה האָבען — יאָ, נעהמען אַ לייטישען מענש — חופה-וקדושין...

שלמה.

(קלאַפּט איהר אויף די פּלייצעס).

אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן. נאָר מיט רבקה'לען רעד, מיט רבקה'לען אַרבייט, ברודער, אַז נישט איז אַלץ פערפאַלען.

הינדעל.

האָב נישט קיין מורא, איך וועל מיר שוין אַנ'עצה געבען.

שלמה.

ווילען מיר זעהען. (פויזע. שטיל.) אַז דו ווערסט זי פּאַקען, פּירפיהר גלייך אַריבער צו מיר פּאַרט, ווייסט שוין...

דער „פּעטער"

(קומט אריין בייז).

עס איז שוין צייט נאַכט צו מאַכען, עס רעגענט, עס ווערט שוין סיי-ווי-סיי קיין הונד נישט אַריינשמעקען. (קוקט אויף שלמה'ן) גע-נוג, גענוג זיך שוין אויסגעפּרעהט חתן-כלה. נאַכט מאַכען. (געהט ארויף אויף די טרעפּלעך און רופט) רייזעל, שלאָפען! באַשאַ, שלאָפען!

(פון דרויסען הערען זיך מיידעלשע שטימען: באלד, באלד.)

הינדעל.

(ווינקט צו שלמה'ן אויפ'ן „פּעטער", מאַכענדיג מיט דער האַנד, אַז ער זאָל אהיים געהן.)

שלמה.

(געהט ארויף אויף די טרעפּלעך. ביים ארויסגעהן טרעפט ער זיך אָן מיט'ן „פּעטער". קוקען זיך אָן).

דער „פּעטער".

רוק, רוק, שוין צייט נאַכט צו מאַכען, גענוג זיך שוין אויס-גע'סוד'עט.

שלמה

(שטעקט די הענד אין די הויזען-קעשענעס. קוקט איהם אָן).

פון ווען אָן ביסטו מיר אַזאַ אָרנטליכער מענש געוואָרען?

דער „פעטער".

וואַנדער, וואַנדער, איך וועל דיר שוין שפעטער דערצעהלען.

שלמה.

אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין...

הינדעל

(לויפט אַרויף אויף די טרעפּלעך. צו שלמה'ן).

שלמה, אַהיים געה, דו הערסט, אַהיים זאָג איך דיר!

שלמה

(געהט אַרויס, קוקענדיג אויפ'ן „פעטער").

מיינע יאָלדען!...

דער „פעטער".

איך דאַרף איהם דאָ... (ווייזט אויף הינדלען) קענסט דיר די אַלטע פאַדלע מיטנעהמען און פערלייגען זיך מיט איהר אַ „קרעמעל".

הינדעל.

מיט קיין אַלטע פאַדלעס פערלייגט מען זיך נישט קיין „קרע-מעל", אין אַלטע פאַדלעס לייגט מען זיך אַריין אויסרוהען... מיט יונגע לאַלקעלעך...

דער „פעטער"

(רופט אין קאָרידאָר).

רייזעל! באַשאַ!

(צוויי מיידלעך קומען צולויפען. פון די לייבטע, נאסע, דורכזועהענדע קליידער

גיסט זיך וואסער, פון די צופלאָכטענע האָר רינען טראָפּענס וואסער. זיי זענען אויפגערויטט, רוידען לאַכענדיג. דער „פעטער" האַקט צו די טהיר, געהט אַרויס.)

### באַשאַ.

(אַ פּראָווינציאַל מיידעל, אַ דיקע מיט רויטע באַקען, נאַאיוו, רעדט מיט אַ הארטען אַקצענט.)

ווי דער רעגען שמעקט... (טרויסעלט אָב פון זיך דעם רעגען) פּונקט אַזוי ווי די עפּעל ביי אונז, וואָס טריקענען זיך אויפ'ן בוידעם... עס איז דאָך דער ערשטער מאַיאָווער רעגען...

### הינדעל.

אַ משוגעת צו שטעלען זיך אויפ'ן רעגען, די גאַנצע וועלט ווי-לען זיי איינגעהמען... עס וועט סיי-ווי-סיי קיין יאָלד נישט בעווייזען זיך אין אַזאַ גוס... (געהט אָב צו איהר אין חדר'ל, וואו די פּאָרהאַנג איז אויפגערוקט, זעצט זיך ביי איהר קאַרב, פּאַקט פּאַנאַנדער די צעוואָרפענע זאַכען.)

### רייזעל

(אָבטרייסלענדיג פון זיך דעם רעגען).

אויף אַלדע שוואַרץ יאָהר דאַרף איך זיי. מיין ביכעל האָב איך נאָך אייערנעכטען בעצאָהלט... מיר האָבען זיך הינטער דער רינע גע-שטעלט, דער רעגען שמעקט ;זוי... דעם גאַנצען ווינטער וואַשט ער פון קאָפּ אָב. (געהט צו צו הינדלען) זעה... (ווייזט איהר די נאסע האָר) ווי פריש ער איז... ווי ער שמעקט...

### באַשאַ.

ביי אונז דאָרט, אין דער היים, אויפ'ן דאָרף מוז שוין אודאי דער ערשטער שטשאַוו זיין. ח'לעבען, אַז דער ערשטער מאַיאָווער רעגען גיסט, קאָכט מען שוין ביי אונז שטשאָוו-באָרשט... און די צי-נען מוזען שוין זיך אויף די לאָנקעס פּאַשען... און די טראַטוועס מו-

זען שוין אודאי איבער'ן וואַסער שווימען... און פראַנעק נעהמט די שיקסעס צוזאַמען און טאַנצט אין דער קרעטשמע... און די ווייבער מוזען שוין אודאי קעז-קיכלעך אויף שבועות באַקען... (פויזע) ווייסט איהר וואָס? איך וועל מיר קויפען אַ נייע זומער-פּאַלערינע און פאָהר מיר אויף שבועות צו גאַסט אַהיים... (לויפט אַריין אין איהר צימער'ל, ברענגט זיך פון דאָרט אַ גרויסען זומער-קאַפּעלוש אַרוים מיט אַ לאַנגען פליה-שלייער, זעצט איהם זיך אויפ'ן נאַסען קאָפּ אַרויף, און שטעלט זיך אין שפּיגעל אַריין.) זעהט'ס, אַז איך ווייז מיך אַזוי שבועות אין דעם קאַפּעלוש, אַזוי' צו די קאָליע אַראָבשפּאַצירען... אַך, די גאַל וואָלט זיי גע-פּלאַצט פאַר קנאה. וואָס, ניין? איך וואָלט נאָר נישט פאַר'ן טאַטען מורא געהאַט...

## רייזעל.

וואָס, ער וואָלט דיך געשלאָגען?

## באַשאַ.

געטויט וואָלט ער מיך אויפ'ן אָרט. ער זוכט מיך אַרום מיט אַנ'אייזערנעם באָטעק. ער האָט מיך אַמאָל מיט פראַנעק'ן געטראָפען אין דער קרעטשמע טאַנצען, האָט ער מיר מיט אַ דראָנג געגעבען אַזאַ קלאַפּ איבער'ן האַנד, אָט, (ווייזט די האנד) איך האָב נאָך אַ ציי-כען ביז צום היינטיגען טאָג. (פויזע) איך בין אַ בעל-הבתיש קינד, מיין טאַטע איז אַ קצב. וואָס מען האָט מיר שוין שדוכים אויסגע-רעדט... (דערצעהלט מיט א נידריגען טאָן) איין שדוך האָט מען מיר גע-רעדט מיט נאָטקע פלייש-האַקער. איך האָב נאָך פון איהם דאָס גאָל-דענע פינגערל. (ווייזט אַ פינגערל אויף דער האנד) ער האָט מיר חל-המועד סוכות געגעבען. אוי, האָט ער מיט מיר געוואָלט אַ חתן ווערען, נאָר איך האָב נישט געוואָלט.

## רייזעל.

פאַרוואָס האָסטו נישט געוואָלט?

באשא.

ווייל איך האָב נישט געוואָלט... עס שטינקט פון איהם דאָס אָקסען-פלייש... בררר... פּראָשיק רופט מען איהם. געה האָב חתונה פּאַר פּראָשיק׳ן און האָב יעדעס יאָהר אַ קליין פּראָשיקל... בררר...

רייזעל.

און וואָס האָסטו דאָ...

באשא.

דאָ בין איך דאָך מיר אַ פרייער מענש, איך האָב מיר מיין קאָרב שענע וועש, אָנשטענדיג געקליידט, ח׳לעבען, אַ ביסעל שענערע קליידער ווי אונזערע נגידה׳סטע. (ברענגט אריין פון איהר צימערל אַ קאָרינ-קאָווע העל קלייד) אַז איך געה אין דעם אַרויס אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס ווערט אַ געקוק... פייער און פּלאַם! אַך, ווען איך וואָלט מיך אַזוי אין דעם קלייד ביי אונז אין שטעדטעל געקענט ווייזען, (וואַרפט אַרויף אויף זיך דאָס קלייד) וואָלט איך מיר אַזוי שפּאַצירט צום באַהן אַראָב. (געהט איבער׳ן צימער גאַלאַנט, דערהויבענדיג פון הינטער זיך דאָס קלייד, מאַכענדיג דערביי אַ גרויס-שטעדטישע מינע). די גאַל וואָלט דאָך זיי געפּלאַצט... די פּאָפּלעקציע וואָלטען זי געקריגען אויפ׳ן אָרט. (שפּאַצירט איבער די שטוב אין איהר סטרוי, פּעציהענדיג דאָס געוויכט גרויסאַרטיג.)

רייזעל

(פערריכט איהר די פאַלדען פון קלייד פון הינטען אויס. זעצט איהר בעסער דעם הוט אויפ׳ן קאָפּ).

אָט אַזוי, דעם קאָפּ נאָך אַ ביסעל אין דער הויך... ווער דאַרף דען צו וויסען, אַז דו ביזט אין אַזאַ הויז געוועזען? דו ווערסט זאָגען, אַז דו ביזט אין אַ געשעפט. אַ גראַף האָט זיך אין דיר פערליעבט...

הינדעל

(פון איהר קאַסטען אַהער).

און וואָס איז דען דער מעהר אַזאַ הויז? מיר זענען נישט

אפשר, אַזוי ווי די מיידלעך אין די געשעפטען? היינט איז די גאַנצע וועלט אַזוי, די היינטיגע וועלט פערלאַנגט עס. היינט זענען אפילו די בעל-הבת׳ישע טעכטער נישט בעסער. דאָס איז אונזער פרנסה, אָבער אַז אַזאַ איינע, ווי מיר, האָט חתונה, איז זי געטרייער דעם מאַן פון זיי. מיר ווייסען, וואָס אַ מאַן איז דער טייטש...

### באַשאַ

(שפאַצירענדיג איבער דער שטוב אין דער פאָריגער פּאָזע).

אָ, יאָ, שען וואָלטען זיי שוין נישט דערקענט? דאָס האַרץ זאָגט שוין... און די מאַמע איז דעריבער געשטאָרבען... נישט געקענט איבערטראָגען... איך בין ס׳מאָל אויף איהר קבר נישט געווען... (שטעלט זיך אָב פלוצלונג אין מיט׳ן שטוב) טייל מאָל קומט זי צו מיר... ביי נאַכט אין חלום, איך זעה זי, קומט זי צו מיר אין איהרע תכריכים מיט דערנער, מיט שטעכערס בעלייגט, איבער מיינע זינד, און רייסט מיר די קודלעס פון קאָפּ...

### רייזעל.

אוי ווי, מאַמע-קרוין! האָסט זי געזעהן? ווי זעהט זי אויס? אַ געשטאָרבענע מאַמע? בלייך איז זי?...

### הינדעל.

שווייגט! גענומען זיך ביי נאַכט פערצעהלען פון טויטע, דאָ קענען קיין טויטע נישט אַריינקומען: אונזער בעל-הבית האָט דאָך אויבען ביי זיך אַ ספר-תורה שטעהן... (אָבגעהאקט. פּויזע) איז אונזער בעל-הבית׳טע פּופּצהען יאָהר אין אַזאַ הויז אָבגעווען, חתונה געהאַט, איז זי אפשר נישט קיין אָרנ׳ליך ווייבעל?... היט זי אפשר נישט אָב די דינים, וואָס אַ יודישע טאָכטער דאַרף אָבהיטען?... איז אפשר רבקה׳לע איהר טאָכטער, נישט קיין כשר, ריין קינד? און אונזער בעל-הבית איז אפשר נישט קיין אָרנ׳ליכער מענש? פיהרט זיך נישט פיין אויף די שענסטע נדבה... אַ ספר-תורה געלאָזט שרייבען...

### רייזעל.

מען זאָגט אָבער, אַז אין אַזאַ ספר-תורה טאָר מען נישט לייע-נען, און די טעכטער פון אַזעלכע מאַמעס ווערען דערנאָך אַליין ווי די מוטערס... עס ציהט זיי, דער יצר-הרע שלעפּט זיי אין דער בלאָטע...

### הינדעל

(דערשראָקען).

ווער האָט דאָס געזאָגט?

### רייזעל.

אַנ'אַלטע באָבע, אַ כשוף-מאַכערין האָט עס מיר געזאָגט... אַזוי ווי כשוף איז דאָס...

### הינדעל.

עס איז אַ גרויסער ליגען... וואו איז זי, די ציגיינערין, וואָלט איך איהר די אויגען אויסגעדראַפּעט... עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט... מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט...

### מאַנקע

(שלייכט זיך אונטער די פאָרהאַנג פון איהר צימערל אין האַלבע נאַכט-קליידער. אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ לייכטע טוך. מען זעהט ביי איהר אַרויס די הויכע קאָלירטע שטרימפּף, די האָר צופלאָשעט. זי איז זעהר אַ שמיידיגע און מיט אַ לאַנג פרעך-שען געזיכט. זי איז נאָך גענוג יונג, אַ לאָק פון איהר קאָפּ איז פערוואָרפען איבער איהר שטערן. אַז זי רעדט, ווינקט זי מיט די אויגען, דערנסמאָל גיט אַ ציטער איהר גאַנצער קערפּער, און מען האָט דאָס געפיהל, ווי אין..ע ביינער וואָלטען זיך צוזאַמען-געבראָכען. קוקט זיך אום פערוואונדערט).

וואָס, קיינער איז נישט דאָ?

### רייזעל

(דערזעהט מאַנקען, אויפגערוימט).

מאַנקע, דו ביזט עס? גוט, וואָס דו ביזט אַריינגעקומען. (ווייזט אויף הינדלען) זי האָט מיך שוין באַלד פּאַר אַ גאַנצע רבי׳צין געמאַכט. וואו האָסט דו דיין יאָלד געלאָזט?

### מאַנקע.

ער איז איינגעשלאָפען, האָב איך מיך פון איהם אַרויסגעגנב׳עט.

### רייזעל.

אַ רעכטער פּריץ עפּעס? ער וועט אפשר שטעלען ביער?

### מאַנקע.

אַ משוגע׳נער ליטוואַק עפּעס דאָרט. דאָס דריטע מאָל קומט ער צו מיר. נאָר ער פרעגט זיך אויס — ווער דער טאַטע? ווער די מאַמע? ווי ער וואָלט זיך געוואָלט משדך זיין... קושט ער, בעהאַלט ער דאָס פּנים אין די ברוסט, מאַכט די אויגען צו, און שמייכעלט, ווי די מאַמע וואָלט איהם געהאַט. (קוקט זיך אום, אין דער שטיל צו הינדלען) רבקה׳לע איז נאָך נישט געווען?

### הינדעל

(מיט אַ חנפ׳דיג געלעכטערל).

געווען... זי האָט דעם פאָטער געטראָפען... האָט ער דאָ אַ גוואַלד געמאַכט...

### מאַנקע.

וועה איז מיר... שוין לאַנג?

הינדעל.

לאַנג שוין... ער איז שוין אודאי אַיינגעשלאָפען. (אין דער שטיל) ער וועט אודאי באַלד אַריינקומען.

רייזעל

(אויפגערוימט צו מאַנקען).

קום, מאַנקע, מיר וועלען זיך אויף דער גאַס שטעלען, עס רעגענט אין דרויסען, טראָפּענס ווי די פּערל... דער ערשטער מאַיאָווער רעגען. ווער געהט אַרויס מיט מיר אונטער דעם רעגען זיך שטעלען?

מאַנקע

(געהט צו צום פענסטערל).

עס רעגענט אין דרויסען. אַך, וואָס פאַר אַ לייכטער רעגען... און ווי ער שמעקט... קומט׳ס...

באַשאַ.

ביי אונז אין דערהיים, אַז עס גיעסט אַזאַ רעגען, ווערען די רינשטאָקעס ברייט און פערפלייצען די קליינע געסלעך, און מען טהוט זיך אויס באָרפיס און מען טאַנצט אין דעם רעגען אַרום... ווער טהוט זיך די שיך אויס? (טהוט זיך די שיך מיט די זאָקען אויס, צו מאַנקען) טהו דיר די שיך אויס, מאַנקע, מיר וועלען אין רעגען אַרומטאַנצען...

מאַנקע

(טהוט זיך אויס די זאָקען, צולאָזט די האָר).

אַזוי וועט אונז דער רעגען בעגיסען פון קאָפּ ביז די פיס... מען וואַקסט העכער, אַז מען שטעהט אונטער אַ מאַיאָווען רעגען, וואָס, ביין?

באַשאַ

(לויפט צו).

קומט, מיר וועלען זיך בעגיסען איינע די צווייטע מיט וואַסער... מיט גאַנצע הענד וואַסער בעשפּריצען (זי צולאָזט זיך די האָר) אויסצוואָגען זיך ווי די בוימער... קומט.

הינדעל.

וואַרט, וואַרט, דער „פעטער" שלאָפט נאָך נישט, ער וועט נאָך הערען.

(אַלע האָרכען זיך איין צום באַלקען.)

רייזעל.

קומט'ס, איהר הערט, ווי ער שנאָרכט?..

מאַנקע.

וואַרט, מיר וועלען אין דער שטיל אָנקלאַפּען צו רבקה'לען.

(באַשאַ און רייזעל אָב. מאַנקע נעהמט אַ שטעקען און קלאַפּט זעהר לייכט אין אַ ווינקעל פון באַלקען. פון דרויסען הערט זיך, ווי די מיידלעך שפּרינגען אַרום אין וואַסער, זיי נעהמען הענד פול מיט וואַסער און גיסען דורך די אָפענע טהיר אין שטיבעל אַריין, רופענדיג: קוממט אַרויס! קוממט אַרויס!)

רבקה'לע

(שטעקט אַריין איהר שוואַרצען קאָפּ האָד דורך דעם קליינעם פענסטער. זי איז אין די נאַכט-קליידער, אין אַ לייכטען שאַל אַרומגעהילט. רופט שטיל:)

מאַנקע, מאַנקע, דו האָסט מיך גערופען?

מאַנקע

(נעהמט אַ שטוהל, שטעלט צו צים פענסטער, קריכט אַרויף, דערגרייכט רבקה'לעס הענד.)

יאָ, רבקה׳לע, איך האָב דיך גערופען... קום, מיר וועלען זיך הינטער דעם מאַי-רעגען אַרונטערשטעלען, מיר וועלען זיך מיט וואַסער בעגיסען, און וועלען העכער וואַקסען...

רבקה׳לע

(פון איבער דעם פענסטערל).

שווייג, שטילער רעד, איך האָב מיך פון דעם בעט אַרויסגעגנב׳עט... אַז דער טאַטע זאָל נישט הערען... איך האָב מורא, ער זאָל מיך נישט שלאָגען...

מאַנקע.

האָב נישט מורא פאַר׳ן טאַטען, ער וועט זיך נישט אַזוי פלינק אויפחאַפּען... קום, מיר וועלען זיך ליעבער אויפ׳ן רעגען שטעלען. איך וועל דיר די האָר צולאָזען. (צולאָזט מיט איהרע פינגער רבקה׳לעס שווארצע פלעכט. פון איבער דעם פענסטער) אָט אַזוי וועל איך זיי דיר אין רעגען וואַשען.

רבקה׳לע.

איך בין אין בלויזען נאַכט-העמד... אַ גאַנצע נאַכט בין איך אין בעט געלעגען און האָב געוואַרט ביז דער טאַטע וועט איינגעשלאָפען ווערען, אַז איך זאָל מיך צו דיר קענען אַרויסגנב׳ענען, איך האָב דיין קלאַפּען דערהערט און איך האָב מיך פון בעט אַרויסגעשלייערט... אַזוי לייכט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט, באָרפיסערהייט, אַז דער טאַטע זאָל נישט דערהערען.

מאַנקע

(נעהמט זי ארום ליידענשאַפטליך).

קום, רבקה׳לע, איך וועל דיינע אויגען אין רעגען-וואסער וואַשען, די נאַכט איז אַזוי ליעב, דער רעגען איז אַזוי וואַרים און אַלץ שמעקט אַזוי אין דער לופט... קום...

## רבקה׳לע.

שווייג... שווייג... איך האָב מורא פאַר׳ן טאַטען... ער האָט מיך געשלאָגען... ער האָט די שטוב צוגעשלאָסען... און האָט דעם שליסעל ביים ספר-תורה בעהאַלטען... איך בין געלעגען אַ גאַנצע נאַכט... איך האָב געהערט, ווי דו האָסט מיך גערופען... אַזוי שטיל האָסט דו מיך גערופען... עס האָט מיך געצויגען צו דיר... און איך האָב דעם שליסעל פון אָרון-קודש אַרויסגע׳גנב׳עט... מיין האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט... אַזוי געקלאַפּט...

## מאַנקע.

וואַרט, רבקה׳לע... וואַרט... אָט געה איך צו דיר... (שפּרינגט אראָב פון שטוהל, פערלאָזט דעם קעלער) איך קום צו דיר... איך קום צו דיר. (מאַנקע אָב. רבקה׳לע ווערט פערשוואונדען פון פענסטער.)

## הינדעל

(וועלכע האָט דעם שמועס צווישען מאנקען און רבקה׳לען זעהר נייגיריג ביי דער פאָרהאנג פון איהר צימער׳ל אויסגעהאָרכט, דרעהט זיך איצט מיט רעש ארויף און אראָב איבער דער שטוב צופלאַמט, נאָכדענקענד, ריידענדיג צו זיך אליין זעהר לאנגזאם.)

ווען גאָט מאַכט אַזוי, און איך פּאַק זיי ביידע אויף אַמאָל, רבקה׳לען מיט מאַנקע׳ן, נאָך היינט אויף דער נאַכט... איך ברענג זיי ביידע אַהין צו שלמה׳נען... נאַ, נאַ דיר ברויט מיט פּוטער... דינג אַ דירה, שטעל אַ חופּה, ווער אַ מענש מיט לייטען גלייך... (שטעלט זיך אָב אין מיטען שטוב נאָכדענקענדיג, צושפּרייט די הענד צום באלקען) טאַטע אין הימעל, ביסט דאָך אַ טאַטע פאַר יתומים... מאַמע אין קבר, מיה דיך פאַר מיר... לאָז מיך קומען צו אַ ברעג! צו אַ תכלית!... (פּויזע) וואָס, ווען גאָט גיט, אַ ספר-תורה אין שוהל לאָז איך איהם שרייבען... יעדען שבת דריי פונט ליכט אין בית-המדרש אַריין. (א לאַנגע פּויזע. פערזונקען אין דער פאַנטאַזיע פון איהר גליק.) ער איז דאָך אַ גוטער גאָט... אַ גוטער גאָט... טאַטע אין הימעל... מאַמע, מאַמע

שווייג נישט... שווייג נישט... מיה דיך... וועלטען לייג איין... (ז
געהט אָב צו זיך אין צימערל, הייבט אָן מיט ענערגיע צוזאַמענצונעהמען די זאַכען
פון איהר צימערל און פאַקט זיי זיך אין איהר קאָרב איין.) לאָז מיך נאָר קודם-
כל גרייט זיין...

(אַ לאַנגע פויזע. קיינער וויזט זיך נישט אויף דער סצענע. מאַנקע פיהרט צו-
געטוליעט צו זיך רבקה'לען... זיי זענען ביידע אין איין נאַס טוך אַרומגע-
הילט... די האָר צופלאָשעט, אָבגעצוואָגענע... און פון די נאַסע קליידער רי-
נען טראָפּענס וואַסער אויף דער פאָדלאָגע... זיי זענען ביידע באָרפיס...
הינדעל שטעלט זיך הינטער'ן פאָרהאַנג פון איהר צימערל און האָרכט זיך איין.)

## מאַנקע

(רעדט מיט אַ בעהאַלטענע ליידענשאַפט און ליעבע. שטיל, אָבער זעהר טיעף
און קלינגענד.)

עס איז דיר קאַלט, רבקה'לע? טוליע דיך צו צו מיר... גוט
טוליע דיך איין אין מיר... וואַרים דיך אין מיר, אַזוי גוט אין
מיר... קום, מיר וועלען זיך דאָ ביידע אַנידערזעצען אויף די קאַנאַ-
פּע. (פיהרט זי צו צו אַ קאַנאַפּע, זעצט זיך מיט איהר) אַזוי, אַזוי... טוליע
איין דיין פּנים אין מיין ברוסט... אַזוי... אַזוי... און גלעט מיך מיט
דיין לייב... אַזוי קיהל, ווי וואַסער וואָלט געדוגען צווישען אונז...
(פויזע) איך האָב דיר די ברוסטען ענטפּלעקט און האָב זיי דיר געוואַ-
שען אין רעגען-וואַסער, וואָס איז אויף מיין האַר געדונען... אַזוי
ווייס און קערנדיג זענען דיינע ברוסטען... און דאָס בלוט אין זיי
קיהלט זיך אַזוי אונטער'ן האַנד, ווי ווייסער שניי... ווי געגליוועט
וואַסער... און ווי דאָס גראָז אויף די לאָנקעס אַזוי שמעקען זיי...
און די האָר האָב איך דיר צולאָזט... אָט אַזוי... (צוקעמט זיי צווישען
איהרע פינגער) איך האָב זיי אַזוי צווישען רעגען געהאַלטען און געוואַ-
שען זיי, אָט ווי זיי שמעקען... ווי דער רעגען, (זי באָרגט איין דאָס
פּנים אין רבקה'לעס האָר) דער מאַיאָווער רעגען שמעקט פון זיי אַרויס...
אַזוי לייכט, אַזוי וועיך... און אַזוי פריש... ווי דאָס גראָז אויף דער
לאָנקע... ווי די עפּעל אויף דעם בוים... אָט אַזוי קיהל מיך מיט
דיינע האָר, (זי וואשט זיך דאָס פּנים אין איהרע האָר) קיהל מיך אַזוי...

אָבער וואַרט... איך וועל דיך ווי אַ כלה-מיידעל אויפקעמען... אַ שרימף מיט צוויי שוואַרצע לאַנגע צעפּ. (צוקעמט איהר די האָר) ווילסט, רבקה׳לע? יאָ, דו ווילסט?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

יאָ, יאָ...

מאַנקע.

דו ווערסט זיין די כלה... אַ שענע כלה... פרייטאָג צו נאַכטס, דו זיצסט מיט דיין טאַטעשי מיט די מאַמעשי ביים טיש... איך — דער חתן... דיין חתן... קומט צופאָהרען צו דיר צו גאַסט... ווילסט, רבקה׳לע? ווילסט, יאָ?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

יאָ, איך וויל.

מאַנקע.

וואַרט, וואַרט... טאַטע-מאַמע האָבען זיך שלאָפען געלעגט... חתן-כלה האָבען זיך דאָ געטראָפען ביי טיש, מיר שעמען זיך... ווילסט, ביין?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

יאָ, מאַנקע.

מאַנקע.

דערנאָך געהען מיר צו איינער צום צווייטען: דו ביסט דאָך

מיין כלה, איך דיין חתן... מען נעהמט זיך אַרום, (נעהמט זי ארום) זעהר פעסט אַרום, און מיר קושען זיך זעהר שטיל, אָט אַזוי (קושען זיך) קושען מיר זיך... מיר ווערען אַזוי רויט, מיר שעמען זיך אַזוי... עס איז גוט, רבקה׳לע, גוט?

רבקה׳לע.

יאָ, מאַנקע... יאָ...

מאַנקע

(דערנידערט איהר קול, שעפּטשעט איהר ווי אין אויער).

און מיר לעגען זיך דערנאָך שלאָפען אין איין בעט, קיינער זעהט נישט, קיינער ווייסט נישט, נאָר איך מיט דיר, אָט אַזוי. (דריקט זי פעסט צו זיך) ווילסט שלאָפען מיט מיר דורך די נאַכט, אַזוי, אין איין בעט, ווילסט?

רבקה׳לע

(קלערט זיך אַרום אין איהר).

איך וויל... איך וויל...

מאַנקע

(ציהט זי צו זיך).

קום... קום...

רבקה׳לע

(אין דער שטיל).

איך האָב מורא פאַר׳ן טאַטען... ער וועט זיך אויפוועקען...

מאַנקע.

וואַרט, רבקה׳לע, וואַרט... (קלערט א ווײלע) ווילסט מיט מיר

אַוועק פון דאַנען? מיר וועלען זיין אינאיינעם, גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט... דער טאַטע וועט נישט זיין, די מאַמע וועט נישט זיין... קיינער וועט נישט שרייען... שלאָגען... מיר וועלען זיין אַליין... גאַנצע טעג... עס וועט אַזוי פרעהליך זיין, ווילסט, רבקה׳לע, ווילסט?

רבקה׳לע

(פערמאַכט די אויגען).

דער טאַטע וועט נישט וויסען?

מאַנקע.

ניין, מיר וועלען אַנטלויפען שוין יעצט ביי נאַכט מיט הינדלען אין איהר שטוב אַריין... זי האָט אַ שטוב ביי שלמה׳ן, זי האָט מיר געזאָגט, ווען זעהען, ווי גוט עס וועט זיין... עס וועלען קומען יונגע מענשען, אָפיצירען... מיר וועלען זיין אַ גאַנצען טאָג אַליין... מיר וועלען זיך ווי די אָפיצירען אָנטהון און אויף פערד אַרומרייטען. קום, רבקה׳לע, ווילסט? יאָ, דו ווילסט?...

רבקה׳לע

(מיט הארץ־קלאפונג).

דער טאַטע וועט נישט הערען?

מאַנקע.

ניין, ניין. ער וועט נישט הערען, ער שלאָפט אַזוי געשמאַק. אָט, דו הערסט, ווי ער שנאָרכט... (לויפט אין הינדעלס צימער, כאפט זי אָן ביי דער האנד) האָסט אַ שטוב? קום פלינק, פיהר אונז אַוועק!...

הינדעל

(כאפט זיך אויף).

יאָ, יאָ, פלינק צו שלמה'ן (זי האפּט א קלייד, וואַרפט עס אויף רבקה'לען) ער וועט אונז שוין פיהרען.

מאַנקע

(טוט אָן פלינק רבקה'לען).

דו וועסט זעהען, ווי גוט עס וועט זיין... ווי פרעהליך עס וועט זיין. (טהוען זיך אָן, האפּען אויף זיך, וואס זיי קריעגען אונטער דער האַנד, אַ טוך, אַ קאפּטאַן, שטייגען זעהר לאַנגזאַם אויף. אין טהיר טרעפען זיי זיך מיט רייזלען און באַשען, וועלכע קומען אָבגעצוואָגען אין שטוב אריין. די לעצטע קוקען אויף זיי פערוואונדערט.)

רייזעל. באַשאַ.

וואָהין דאָס?

הינדעל.

מאַכט'ס קיין געדודער, קיין גערויש, נאָך ביער, נאָך ליעמאַנאַד...

(הינדעל, מאַנקע, רבקה'לע אָב. רייזעל און באַשאַ קוקען זיך ביידע אָן פערוואונדערט.)

רייזעל.

די מעשה געפעלט מיר נישט.

באַשאַ.

מיר אויך נישט.

רייזעל.

דאָ מוז עפּעס זיין — אָ-וואַ!...

באַשאַ

(קוקט איהר אָן דערשראָקען).

וואָס דאָס ?

רייזעל.

און וואָס געהט עס אונז אָן ? לעשען מיר אויס דעם לאָמפּ און לעגען מיר זיך שלאָפען. מיר ווייסען פון גאָר נישט. (דרעהט אראָב דעם לאָמפּ).

אויף דער סצענע ווערט האלב טונקעל. די מיידלעך געהן אָב יעדע אין איהר צימערל).

רייזעל

(אָבגעהענדיג).

אוי, האָט זי וואָהר געזאָגט, די קאָרטען-לייגערין, אוי האָט זי וואָהר געזאָגט ...

(אָב. אייניגע סעקונדען איז אויף דער סצענע קיינער נישט דאָ. טונקעל).

באַשאַ

לויפט אַרויס ווילד פון איהר צימערל, האלב אויסגעטהון מיט אַ שלוכצענדיג געשריי).

רייזעל

(רוקט אויף די פאָרהאַנג פון איהר צימערל).

וואָס איז דיר באַשאַ ?

באַשאַ.

איך האָב מיך מורא צו לייגען. מיר דאַכט זיך, אַז מיין געשטאָרבענע מאַמע מיט די שטעכערס און די דערנער דרעהט זיך אַרום מיין שטיבעל אַרום.

רייזעל.

דאָס ספר-תורה איז פסול געוואָרען, האָט אונז שוין קיינער נישט אָבצוהיטען.

### באשאַ.

איך האָב מורא, אַז עס וועט היינט זיין נישט קיין גוטע נאַכט,
מיין האַרץ ציטערט אין מיר...

(פון איבער׳ן באַלקען דערהערט זיך פלוצלונג אַגערודער, אַ שאַרען מיט בענ-
קלעך, מיט טישען, די מיידלעך האָרכען זיך, גלאָצענדיג און ערשראָקען, איין
באַלד דערהערט זיך ווי עמעס שווערעס פאַלט אַראָב פון די טרעפ).

### דער „פעטער"

(שרייענדיג).

רבקה׳לע, רבקה׳לע, וואו ביסט דו?

### רייזעל

(צו באשען).

לייגען מיר זיך אַנידער שלאָפען... מיר ווייסען פון גאָרנישט...

(לייגען זיך ביידע אַנידער און מאַכען זיך הויך שלאָפען...)

### דער „פעטער"

(לויפט אַריין מיט אַ ליכט אין דער האַנד, צושויבערט די האָר, אויפ׳ן העמד
אַ קאַפאָטע ארויפגעוואָרפען. שרייט ווילד).

רבקה׳לע, רבקה׳לע איז דאָ? (קיינער ענטפערט נישט. גיט אַ רוק די
פאָרהאנגען פון די צימערלעך) רבקה׳לע! וואו איז זי? (וועקט אויף די שלאָפענדע
רייזעל און באשע) וואו איז רבקה׳לע! רבקה׳לע וואו איז?

### רייזעל. באַשאַ

(מאַכען זיך די אויגען אויסרייבען מיט די אַרבעל פון די קאפטענס).

וואָס... מיר ווייסען נישט.

### דער „פעטער"

איהר ווייסט נישט... איהר ווייסט נישט?... (לויפט פלינק ארויס.

מען הערט, ווי ער שטייגט אויף די טרעפ מיט איין שפרונג. נאָכהער א שטילע פויזע. מען הערט, ווי עפּעס וואָלט זיך אַראָבגעוואָרפען פון די טרעפּ. די טהיר גיט זיך א בראל אויף מיט רעש. עס פאלט אריין דער „פעטער", האלטענדיג שרה'ן ביי די האָר. ביידע זענען אין נאכט-קליידער).

דער „פעטער"

(רייסט שרה'ס קאָפּ פאַר די האָר צו דער ערד אַראָב. ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן „הייזעל").

**דיין טאָכטער וואו איז? דיין טאָכטער?**

באַשאַ, רייזעל

(שטעהען ביידע צוגעדריקט צו דער וואַנד און ציטערן.)

(פאָרהאַנג פאַלט פלינק).

# דריטער אקט.

## סצענע.

צימער ווי אין ערשטען אַקט. שענק און קאָמאָד זענען אויפגערוקט, און שטיקער-וועש, מלבושים וואַלגערן זיך איבער די פאָדלאָגע אַרום. די טהיר אין רבקה'לעס צימער איז אָפען און פון דרינען דרינגט אַ שטראַהל פון אַ ברענענדיג ליכט אַריין. שרה, מיט צופלאָשעטע האָר, אַרויף-געוואָרפען אויף זיך די קליידער אָהן אָרדנונג, דרעהט זיך איבער די שטוב, אויפקלויבענדיג די צעוואָרפענע זאַכען, פאַקט זיי אין איין פאַק איין, ווי צום אַוועק געהן, אָבער זי לייגט דאָך די מעהרסטע זאַכען צוריק אויף זייער אָרט. גרויער פריה-מאָרגען. פון די צוגעמאַכטע פענסטער-לאָדען דרינגט אַריין דער גרויער מאָרגען.

---

## שרה

(אויפקלויבענדיג די זאכען).

יעקל, וואָס טהוט זיך מיט דיר, יעקל? (געהט צו צו דער אָפענער טהיר פֿון רבקה׳לעס צימער, קוקט אריין) וואָס זיצסט דו? (דרעהט זיך אָב, אויפהויבענדיג די זאכען) אַ אונגליק, אויסגעגאַנגען, דאָס גאַנצע הויז וויל ער איבערפיהרען... (געהט נאָך אמאָל צו צו דער טהיר) יעקל, וואָס שווייגסט דו? וואָס טהוט זיך מיט דיר? (דרעהט זיך אויס, מיט טרעהרען) זיצט אַ מענש ביי אַ ספר-תורה און קלעהרט און קלעהרט, וואָס איז דאָ צו קלעהרען? עס איז געשעהן אַ אונגליק, געה אין צירקעל, נעהם דעם פּריסטאַוו... זוך אויף דעם יונג מיט גוטען אָדער מיט בייזען... כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט... (ווענדט זיך צו דער טהיר) וואָס שווייגסט דו? וואָס שווייגסט דו? (וי זעצט זיך אַנידער אויף אַ פּאַק ביי דער טהיר, פערשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענד און הויבט אָן צו וויינען) ווי משוגע זיצט ער איינער אַליין, קוקט אויפ׳ן ספר-תורה און מורמעלט עפּעס מיט די ליפּען... אַני ער הערט נישט, אַני ער זעהט נישט, וואָס טהוט זיך דאָס מיט איהם? (שטעלט זיך אויף פון פּאַק, צום „פעטער״ אין דער טהיר) מיר איז דאָרט נישט קיין חלוק... דו ווילסט איך זאָל אַוועק-געהן — געה איך. דער טייוועל וועט מיך נישט נעהמען... איך וועל מיר שוין דאָרט מיין ברויט געפינען. (נעהמט זיך איינצופּאַקען איהרע זאכען שווייגענדיג. פּויזע).

## דער „פעטער״

(קומט אריין פון דער צווייטער שטוב אָהן הוט, אָהן קאַפּאָטע, די האָר צופּלאָשעט. ער קוקט ווילד מיט די אויגען, רעדט מיט אַ שטילען הייזעריגען טאָן זעהר לאנגזאם).

איך וועל געהן... דו וועסט געהן... רבקה׳לע וועט געהן... אַלץ וועט געהן... (וויזט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן קעלער) אַלץ אין „הייזעל״ אַריין... גאָט וויל נישט...

שרה.

יעקל, וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר! משוגע ביזט דו געוואָרען... (געהט צו צו איהם) בעדענק, וואָס דו טהוסט. עס איז געשעהן אַ אונגליק — ביי וועלכען מענש געשעהט נישט קיין אונגליק? קום, מיר וועלען אויפזוכען שלמה׳נען. גיעב איהם 200—300 רובל — זאָל ער אונז דאָס קינד צוריק-געבען... דער יונג וועט עס טהון... וואָס זיצט דו? וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר?

דער „פעטער"

(מיט דעם זעלבען טאָן. דרעהט זיך איבער דער שטוב).

מיר איז שוין איינגאַל... די נשמה דעם טייוועל איבערגעגעבען... עס וועט שוין גאָר נישט העלפען... גאָט וויל נישט...

(ער שטעלט זיך אַנידער ביים פענסטער און קוקט דורך דעם לאָדען-לאָך)...

שרה.

גאָט וויל נישט... אַיינגערעדט זיך, דו ווילסט נישט... דו האָסט דען ליעב דאָס קינד? יעקל, יעקל, (שלעפט איהם) וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען, בעדענק כל-זמן עס איז נאָך דאָ צייט... ער קען זי דאָך דערוייל ערגעץ וואו אַוועקפיהרען... קום אַריבער צום יונג... די מויד האָט זי דאָך אודאי צו איהם אַריבערגעפיהרט. וואָס שטעהסט דו? (אָבגעהאַקט) איך האָב געשיקט נאָך ר׳ אלי׳ן. מיר וועלען הערען, וואָס ער וועט זאָגען! — (פויזע. דער „פעטער" קוקט אַלץ אין איינעם דורכ׳ן פענסטער) וואָס קוקסט דו? (פויזע) פאַר וואָס ענטפערסט דו מיר נישט? מאַמע קרוין, מען קען דאָך משוגע ווערען.

(דרעהט זיך אָב פון איהם און וויינט הויך).

דער „פעטער"

(ווי פריהער. דרעהט זיך איבער די שטוב).

אויס הויז... אויס ווייב... אויס טאָכטער... אין „הייזעל" אַריין.. צוריק אין „הייזעל" אַריין... מיר דאַרפען נישט קיין טאָכטער... מיר

דאַרפען נישט... נקבות, ווי די מאַמע געוואָרען... גאָט וויל נישט... צוריק אין „הייזעל", אין הייזעל אַריין...

## שרה.

ווילסט אין „הייזעל"? — מיין כפרה, האָב איך טאַקע אַ געשעפט! (כאַפּט זיך ווייטער צום איינפּאַקען) דאָס הויז וויל ער איבערפיהרען... וואָס טהוט זיך מיט איהם? (קלערט אַ ווײַלע) אַז דו ליגסט איבערזאַמען וועל איך מיך נעהמען צו טהון (נעהמט אַראָב פון די אויערען די בריליאַנטענע אויער-רינגען) איך וועל אַריבערגעהן צו שלמה'נען, איך גיעב איהם אַוועק די בריליאַנטענע אויערריגנען (זי זוכט אין פּאַק, שלעפּט אַרויס אַ גאָלדענע קייט) מיט דער גאָלדענער קייט און וויל ער נישט, לייג איך איהם צו נאָך אַ הונדערטער, (זי זוכט דעם טייסטער מיט געלד אין „פּעטער"ס קעשענעס, דער „פּעטער" לאָזט זיך בעזוכען) עט געהט נישט אויס אַ פיערטעל שעה (זי כאַפּט אַ טוך אויף זיך) און רבקה'לע איז דאָ. (אַרויסגעהענדיג) פאַר מיר וועט ער שוין דאָס טהון. (האַקט די טהיר נאָך זיך).

## דער „פּעטער"

(דרעהט זיך איינער אַליין איבער דער שטוב. דעם קאָפּ צו דער ערד).
מ'ר איז שוין סיי-ווי-סיי אַלץ איינס... דער טייוועל גענומען... אויס טאָכטער... אויס ספר-תורה... אין „הייזעל" אַריין... אין „הייזעל"... גאָט וויל נישט...

(לאַנגע ווײַלע. רייזעל וויזט זיך אין דער טהיר, שטעקט אַריין דעם קאָפּ... שלייכט זיך אריין אין דער שטוב, שטעלט זיך ביי דער טהיר. דער „פּעטער" בעמערקט זי, קוקט אויף איהר.)

## רייזעל

(שטאַמלענדיג).
איך בין געוועזען נאָך ר' אלי'ן... די בעל-הבית'טע האָט געהייסען... ער וועט באַלד קומען...

דער „פעטער"

(קוקט זי אָן נאָך אַ ווײַלע).

סיי-ווי-סיי דער טײַוועל גענומען... גאָט וויל נישט...

רייזעל

אַזאַ אָרנטליך קינד געווען... אַזאַ שאָד נעבאַך...

דער „פעטער"

(קוקט זי אָן ווי פערוואונדערט).

רייזעל

(ווי פערענטפערנדיג זיך).

די בעל-הבית'טע האָט מיך געהייסען דאָ וואַרטען, ביז זי וועט צוריקקומען.

דער „פעטער".

האָב נישט קיין מורא, איך בין נאָך נישט משוגע געוואָרען... נאָך נישט... גאָט האָט מיך געשטראָפט...

רייזעל.

ווער האָט זיך געזאָלט ריכטען אויף דעם... אַזאַ אָרנטליך קינד געווען... אַזאַ שאָד נעבאַך... איך זאָל אַזוי לעבען...

ר' אלי

(מיט אַ לאַמטערן אין האַנד קומט אַריין).

וואָס איז דאָס אַזעלכֿעס געשעהן! אַזש מיך געדאַרפט פאַרטאָג רופען, (קומט מעהר אין דער שטוב אַריין, קוקט אין לאָדען-לאָך) מען מעג שוין באַלד דאַווענען...

דער „פעטער"

(נישט קוקענדיג אויף ר' אלי'ן).

דאָס ספר-תורה איז פסול געוואָרען, ר' אלי, אויפס טויט אָבגע'פסל'ט.

ר' אלי

(דערשראָקען).

וואָס רעדסט דו, יוד? חלילה, דאָס ספר-תורה, וואָס איז געשעהן? אויף דער ערד אַראָבגעלאָזט? די גאַנצע שטאָדט דאַרף פאַסטען...

דער „פעטער".

נאָך ערגער, ר' אלי.

ר' אלי

(אויפגערעגט).

וואָס זאָגסטו, די גאַנצע שטאָדט קען זיך, חלילה, פערזינדיגען... וואָס איז געשעהן? זאָג, יוד, רבונו של עולם!

דער „פעטער".

אין „הייזעל" אַראָב... (ווייזט אויף די פאָדלאָגע, דערנאָך אויף רייזלען) אונטען מיט זיי... אין הייזעל אַריין... אויס ספר-תורה...

ר' אלי.

יוד, וואָס רעדסטו? וואָס טהוט זיך דאָס? זאָג!

רייזעל

(ביי דער טהיר, בערוהיגט ר' אלי'ן).

ניין, רבי, נישט דאָס ספר-תורה, די טאָכטער... רבקה'לע...

די ספר-תורה איז כשר. (ווייזט מיט'ן פינגער אין רבקה'לעס שטוב) דערינען...

ר' אלי

(אָטעמעט אָב).

געלויבט השם יתברך! אָבער דאָס ספר-תורה איז כשר?

רייזעל.

יאָ, רבי.

ר' אלי

(רוהיגער, שפּייט אוים).

געלויבט השם יתברך, אָבגעקומען מיט די שרעק... (צום „פּעטער") וואָס האָסטו געערדט באַרישקייטען? (צו רייזלען, נישט קוקענדיג אויף איהר) אַוועק... איז זי נאָך נישט דאָ? (צום „פּעטער") איז מען זי שוין געגאַנגען זוכען?

דער „פּעטער".

ביי מיר איז מיין טאָכטער הייליגער, ווי אַ ספר-תורה.

ר' אלי.

רעד נישט קיין נאַרישקייטען... נאָר שווייג, נאָר מאַך קיין גערודער נישט... איז מען זי שוין געגאַנגען זוכען? ברענגען? ווייס איך וואָס? וואָס שטעהסטו דאָ?

רייזעל.

די בעל-הבית'טע איז שוין געגאַנגען נאָך איהר.

ר אלי.

ווייסט מען, וואו זי איז געגאַנגען?

רייזעל.

יאָ, די בעל-הבית'טע וועט זי באַלד אַהיים ברענגען.

ר' אלי.

איז דאָך ווייטער גוט, וואָס-זשע שרייט עטץ, ליאַרמט... די גאַנצע וועלט זאָל זיך באַלד דערפון דערוויסען. אַזעלכע זאַכען בע-האַלט מען אין דער שטיל... עס איז נישט שען... אַ מחותן קען נאָך געוואָהר ווערען דערפון — קאָסט עס באַלד אַ פּאָר הונדערט רובעל-טייערער...

דער „פּעטער".

מיר איז שוין סיי-ווי-סיי אַלץ איינס... אַלע קענען עס וויסען... אויס טאָכטער... אויס ספר-תּורה... אין „הייזעל" אַריין... אַלץ אין „הייזעל" אַריין...

ר' אלי

ע, ביסט דאָך גאָר חסר-דעה... עס געשעהט אַ אונגליק... עס טרעפט זיך ביי מענשען אַ אונגליק. גאָט זאָל שומר ומציל זיין... וואָס? ווען? גאָט העלפט... עס געהט דורך בשלום. דער עיקר, קיי-נער ווייסט נישט... מען הערט נישט, מען זעהט נישט. מען ווישט זיך אָב דאָס מויל און מען מאַכט זיך פון גאָרנישט וויסען... (צו רייז-לען) מען דאַרף זיך היטען מיט אַ וואָרט... עס זאָל, חלילה, ווייטער נישט קומען... געהערט?! (ווענדט זיך צום „פּעטער", דער לעצטער קוקט ערגיץ וואו ווייט אין דער וועלט אריין.) איך האָב מיך געזעהן. (קוקט זיך אום, אויב רייזעל איז נאָך דאָ. בעמערקענדיג זי, הערט ער אויף. נאָך אַ פּויזע הויבט ער ווייטער אָן צו רעדען שטילער, קוקענדיג אויף רייזלען, אַז זי זאָל אַרויסגעהן. לאַנגזאַם:)

איך האָב מיך געזעהן מיט... מיט... (קוקט אויף רייזלען, רייזעל פערשטעהט און פערלאָזט די שטובּ.) איך האָב מיך געזעהען מיט'ן חתנ'ס פאָטער אין בית-מדרש צווישען מנחה-מעריב, איך האָב גערעדט מיט איהם, דער יוד בּעשטעהט שוין בּאַלד, איך האָב איהם אפילו פערשטעהן געגעבען, אַזוי כּדרך אגב, אַז די כלה איז נישט פון גרויסען יחוס. מילא, פּאַר נאָך אַ הונדערטער... היינטיגע צייטען קוקט מען נישט אויף דעם... איך וועל אודאי שבת, אם ירצה השם, מיט דעם יוד דאָ אַרויפקומען... מען וועט געהן צום דין פערהערען דעם חתן... גאָר דער עיקר קיינער זאָל נישט וויסען, זאָל נישט געוואָהר ווערען פון דער מעשה, חלילה... עס קען שאַדען... אַ יוד פון יחוס און דער חתן איז אַ טייערער קאָפּ... נו, נו, שטיל דיך איין, נעהם דיר גאָט צו הילף און אַלץ וועט דורכגעהן בּדרך-שלום... מיט גאָטס-הילף, איך געה אַהיים מיך מכין זיין צום דאַוונען און, אַז דאָס מיידעל וועט זיין, זאָלסט דו מיר בּאַלד צו וויסען געבּען... דו הערסט? (בּיים ארויסגעהן) בּאַר בּאַלד למען השם... (וויל אָבּגעהן).

### דער „פּעטער"

(הויבּט זיך אויף, כּאַפּט ר' אלי'ן בּיי דער האַנד).

הערט, איהר רב, איהר נעהמט אייך מיט אייער ספר-תורה. איך דאַרף עס שוין נישט מעהר...

### ר' אלי

(פערוואונדערט).

וואָס רעדסט דו? וואָס ווילסט דו? בּיזט משוגע געוואָרען, צו חסר-דעה?

### דער „פּעטער".

די טאָכטער איז אין „הייזעל" געגאַנגען... דאָס ספר-תורה איז פּסול געוואָרען... גאָט האָט מיך געשטראָפט...

ר׳ אלי

(פרובט איהם איבערהאקען).

וואָס רעדסט דו?

דער „פעטער".

איך בין אַ זינדיגער מענש, איך ווייס עס גאַנץ גוט אַזוי... די פוס האָט ער מיר געדאַרפט אונטערברעכען, דעם קאָפּ אין דער ערד... אַ יונגען טויט... פון מיין קינד, וואָס האָט ער געוואָלט? פון מיין אָרים קינד?

ר׳ אלי.

הער דו, מען טאָר נישט אַזוי רעדען געגען גאָט.

דער „פעטער"

(אויפגערעגט).

אַלץ מעג מען רעדען... דעם אמת... איך בין טאַקע יעקל טשאַפּטשאָוויטש — אַ „פעטער" פון אַ „הייזעל", נאָר דעם אמת מעג מען אפילו גאָט זאָגען... איך האָב שוין גאָר נישט קיין מורא... איך בין געגאַנגען צו אייך אין בית-המדרש אריין... איך האָב אַייך אַלץ פערצעהלט... האָט איהר מיך געהייסען אַ ספר-תורה שרייבען. דערי-נען, ביי איהר אין שטיבעל, האָב איך עס אַריינגעשטעלט... גאַנצע נעכט בין איך דערביי געשטאַנען, און איך האָב דערצו אַזוי געזאָגט: דו ביסט טאַקע אַ גאָט... דו ווייסט פון אַלץ, וואָס איך טו... דו וועסט מיך שטראָפען... שטראָף מיך... מיין ווייב שטראָף, מיר האָ-בען געזינדיגט, אָבער מיין אונשולדיג קינד שוין... אויף מיין אָרים קינד האָב רחמנות...

ר׳ אלי.

עס איז דאָך איהר קיין שום שלעכטס נישט געשעהן...

זי וועט צוריק-קומען... וועט נאָך זיין אַ גאַנץ יודיש וויבעל...

דער „פּעטער".

סיי־ווי־סיי... דער טײַוועל געקומען... עס וועט זי שוין צי־הען... האָט זי נאָר געמאַכט דעם אָנהויב... וועט זי שוין נישט רו־הען... נישט היינט איז עס מאָרגען... די נשמה דעם טײַוועל איבער־געגעבן... איך ווייס עס... אוי, איך ווייס עס...

ר' אלי.

דו רעד נישט קיין נאַרישקייטען... דו שטיל דיך איין... דו בעט גאָט איבער אין האַרץ... לעג אַוועק דיין פּרנסה... דיין טאָכטער וועט נאָך מיט גאָט'ס הילף חתונה האָבען, ווי אַלע יודישע טעכטער און וועסט נאָך פון איהר נחת האָבען...

דער „פּעטער".

פּערפאַלען, רבי, אוי פּערפאַלען... וואָלט אויף איהר אַ יונגער טויט געקומען, רבי, וואָלט איך גאָר נישט געזאָגט... געשטאָרבען, ווייס איך, אַז איך האָב אַ כשר קינד בעגראָבען... געה איך צו איהר אויף קבר־אָבות, און זאָג מיר אַזוי: אָט דאָ ליגט דיין קינד... ביסט דו אַליין אַ זינדיגער מענש, דאָ ליגט דיינס אַ כשר קינד, אַ אָרנטליך קינד... אָבער אַזוי וואָס בין איך ווערט אויף דער וועלט? דו אַליין ביזט זינדיג... לאָזט איבער אַ זינדיגען דור... נאָך דיר... און אַזוי ציהט זיך די זינד פון דור צו דור...

ר' אלי.

דו זאָג נישט אַזוי, אַ יוד טאָר נישט אַזוי רעדען, דו נעהם דיר גאָט צו הילף און דו זאָג אַזוי: וואָס עס איז געווען איז פּערפאַלען...

דער „פּעטער"

(האקט איהם איבער).

איהר, רבי, רעדט מיר נישט איין... איך ווייס, אַז עס איז

שוין פערפאַלען... די זינד ליעגט אויף מיר און אויף מיין הויז, ווי אַ שנור אויפ׳ן האַלז ... גאָט האָט נישט געוואָלט ... נאָר איך פרעג אייך, רבי, פאַר וואָס האָט גאָט נישט געוואָלט? וואָס וואָלט עס איהם געאַרט, אַז דו, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, וועסט דיך אַרויסראַטעווען פון דעם זומפּ, אין וועלכען דו זינקסט? (געהט אַריין אין רבקה׳לעס צימער, ברענגט אַריין דאָס ספר-תורה, הויבט עס אויף און רעדט) דו, ספר-תורה! איך ווייס — דו ביסט אַ גרויסער גאָט! דו ביסט דאָך אונזער גאָט... איך, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, האָב געזינדיגט... (קלאַפּט זיך מיט די פויסטען אין האַרצען) מיינע זינד... מיינע זינד... דו מאַך אַ נס, דו שיק אַראָב אויף מיר אַ פייער און פערברען מיך, אָט אַזוי ווי איך שטעה! דו עפען אויף די ערד און לאָז מיך איינגעזונקען ווערען... נאָר מיין קינד היט מיר אָב... שיק זי מיר אָב אַזוי ריין, אַזוי אונשולדיג, ווי זי איז געווען... איך ווייס... ביי דיר איז אַלץ מעגליך... דו טו אַ נס... דו ביזט דאָך אַ גרויסער גאָט... אַז נישט... ביזטו קיין גאָט נישט... זאָג איך דיר, איך, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, אַז דו ביזט קיין גאָט נישט... אַז דו ביזט נקמה׳דיג, ווי אַ מענש ביזט דו...

## ר׳ אלי

(גיט זיך אַ כאַפּ אויף און גיט אַ ריס אַרויס דאָס ספר-תורה פון „פּעטערס" האַנד).

דו ווייסט, צו וועמען דו רעדסט?! (קוקט איהם אָן, געהט דערנאָך אַריין אין רבקה׳לעס צימער מיט׳ן ספר.) דאָס ספר-תורה בעט איבער!

## דער „פּעטער".

דעם אמת מעג מען אפילו גאָט אין פּנים אַריין זאָגען. (געהט נאָך ר׳ אלי׳ן אין צימער.) איז ער אַ גאָט, זאָל ער דאָ אויפ׳ן אָרט זיין נס בעווייזען...

## שרה

(לויפט אַריין מיט אימפּעט, זי איז צוזודערט, לויפט צו צום שפּיגעל און פערקעמט זיך די האָר מיט דער האַנד, רופענדיג).

קום, אַריין, שלמה, וואָס שטעהסט דו הינטער דער טהיר?

### שלמה

(אין דער טהיר).

וואו איז יעקל? זאָל ער וויסען (קומט אריין) פאַר אַ נאַש בראַט
וועל איך אַלץ מאַכען, כאָטש ער האָט מיך בעליידיגט.

### שרה

(לויפט צו דערוויל צו רבקה׳לעס טהיר, פערשליסט זיך נאָכ׳ן פעטער און ר׳ אלי׳ן).

לאָז איהם דאָרט צו רוה, (מיט אַ שמייכעל) ער איז דאָך אַ גאַנצער פרומאַק אין דער לעצטע צייט געוואָרען... חבר׳ט זיך מיט פרומע יודען (לויפט צו, פערשליסט די טהיר נאָך שלמה׳נען) כלות זיך אויפגעקליבען, אַזאַ אָנשיקעניש דאָס איז, עס איז זיך דאָך פון איהר נישט אָבצויאָגען, לויפט זי נאָך ווי דו וואָלסט שוין איהרער געווען... אודאי אויך אַ הער-קומען נאָך דיר צו לויפען... (שמייכעלט) אוי, שלמה, אוי שלמה סחורה זיך אַיינגעשאַפט... (זי געהט צו צום פענסטער. פראַלט אויף די לאָדען, אַ שטראַהל צימער-ליכט בעלויכט דאָס שטיבעל). וואָס האָבען זיי זיך צוגע-מאַכט? ווי צו דער קנות...

### שלמה.

האָב נישט קיין מורא זאָג איך דיר, אַז איך האָב דיר איינמאָל צוגעזאָגט יאָ — איז יאָ. פאַר וועמען איך וועל נישט טהון — פאַר דיר וועל איך עס טהון, כאָטש דו האָסט מיך אין די לעצטע צייט שלעכט בעהאַנדעלט... נאָר עס מאַכט נישט אויס... מעג זי שוין מיט׳ן קאָפּ פערלייגען, עס וועט שוין גאָר נישט העלפען...

### שרה

(גיט אַ געהע צו איהם, כאַפּט איהם אָן פאַר דער האַנד, קוקט איהם אין די אויגען).

אַזאַ יונג ווי דו ביזט — דאַרפסט דו אַזאַ מויד צו נעהמען? ווער איז זי? אַרום-געוואַלגערט זיך פון "הייזעל" צו "הייזעל", אַזאַ יונג ווי דו ביזט... קענסט יעצט כאַפּען אַ שענעם גראָשען, דאַרפסט דו זי? אַ יונג מיט אַ פּאָר הונדערט רובעל, קענסט דו נישט נעהמען אַ

לייטיש מיידעל? פאַר וואָס נישט? פרעג איך וואָס, דו ביזט נישט אַזאַ יונגער מענש, ווי אַ אַנדערער? (קלאַפּט איהם אויף די פּלייצעס) דו רעד מיט מיר, שלמה, דו ווייסט: איך בין צו דיר קיינמאָל נישט געווען שלעכט.. כאָטש איך בין אין די לעצטע צייט אַזוי געווען צו דיר... דאָך בין איך שטענדיג שרה געווען. זאָג, אפשר נישט? (קוקט איהם אין די אויגען אריין).

## שלמה

(מאַכט זיך גלייך די וואָנסען).

ע, ק'טשאָרטו... דער טייוועל ווייס, געלאָזט זיך דעם קאָפּ פערדרעהען פון דער מויד... אויף דערוויילל... אַ פּאָר גראָשען צו כאַפּען... אַ נישט מיינסט דו טאַקע האָב איך געקלעהרט מיט איהר אויף אַ רעכטען אמת... די מאַמע וואָלט מיר די אָדערן פון לייב פערשאָלטען... כ'האָב אַ אָרנ'ליכע מאַמע... און מיין שוועסטער?

## שרה.

קיין אַנדער געשעפט שוין נישט, נאָר זיך דעם קאָפּ צו פער-דרעהען מיט אַזאַ „נישט" און אַ „הייזעל" זיך צו פערלייגען? וואָס מען האָט היינט, משטיינס געזאָגט, פון די גאַנצע „הייזלעך"? עס לוינט טאַקע האָבען צו טהון מיט אַזעלכע אויסוואורפס... (געהט צו צו איהם, שטעקט איהם די אויערינגען אַיין) דו נעהם אָט דאָס צו, און נאַ דיר נאָך אַ הונדערטער צו און זאָג מיר, וואו רבקה'לע איז?

## שלמה.

וואָס איז וואָהר — דאָס איז וואָהר... דו ביזט אַמאָל געווען אַ גוטע יודענע (ווינקט צו איהר) אין די לעצטע צייט ביזט דו קאַליע גע-וואָרען, נאָר עס קומט נישט צו דעם... זאָלסט וויסען, אַז שלמה איז אַ נאַש-בראַט... (נעהמט צו די אויעררינגען און בעהאַלט זיי אין קעשענע).

## שרה.

דו זאָג מיר, שלמה, וואו זי איז איצט... פאַר מיר מעגסט דו

אַלץ זאָגען, כאָטש איך בין איהר מאַמע... דו ווייסט: איך שרעק מיך נישט איבער מיט אַזעלכע זאַכען... זאָג, האָסט דו ערגעץ זי אַוועק-געפיהרט... צו אַ...

שלמה.

זי איז זעהר נאָהענט פון דאַנען... אַז איך זאָג דיר, אַז איך ברענג זי דיר — ברענג איך זי... הערסט, אַזאַ יאָהר שוין אויף מיר, וואָס פאַר אַ נקבה דאָס קען זיין... איהר בליק... איהר שיק... גע-ממזר'ט זאָג איך דיר, אויף איין אויג...

שרה.

הע, שרה קען נאָך... זאָג מיר, שלמה, וואו האָסט דו זי? פאַר מיר קענסט דו אַלץ זאָגען... (נעהמט איהם אַרום מיט איין האנד, קלאַ-פענדיג איהם מיט דער צווייטער אויף דער פלייצע און קוקט איהם שעלמיש אין די אויגען.) יאָ... זאָג, גוטער-ברודער!

שלמה.

נישט ווייט פון דאַנען... נישט ווייט...

(עס הערט זיך אַ קלאַפּען מיט פויסטען אין דער טהיר פון דרויסען).

הינדעל

(הינטער דער סצענע).

דו ווייסט נישט פון איהר... דו ווייסט נישט פון איהר...

שרה.

לאָז זי דעם קאָפּ אָן וואַנד קלאַפּען... אין די לאַפּקע ווי זי האָט איהם אַריינגעכאַפּט... חאַ... חאַ... ער טאָר דאָך גאָרנישט געהן אָהן איהר... (קוקט איהם שעלמיש אָן) שעמען מעגסטו זיך, מיט מיידען טראָגט ער זיך אַרום... (שלמה קלערט אַ ווײַלע. שרה כאַפּט איהם אָן ביי דער

האנד, גיט איהם א פיהר אב אין א זייט.) מיט מיר רייד... וואס דארפסט דו זי? איך וועל דיר געבען א מיידעל... דו וועסט זעהען. (ווינקט צו איהם.)

## הינדעל.

(הינדעל ברענגט אויף די טהיר, לויפט אריין מיט אימפעט).

וואס האבען זיי זיך אין איהם אנגעכאפט? א בייזע נאכט אויף זייער קאפ, ביי זיי לויפט אוועק א טאכטער... (כאפט אן שלמה'ן ביי דער האנד) דו ווייסט נישט, וואו זי איז. וואס ווילען זיי פון דיר?

## שרה

(זעצט זיך אוועק אויף א שטוהל, קוקט אן שלמה'ן שעלמיש, ווייזט אויף הינדלען).

דאס איז זי, די חיה'טע? כא—כא—כא...

## הינדעל

(קוקט זיך אום). ?

ווי א בייז געלעכטער עס איז אויף איהר... (צו שלמה'ן) דו ווייסט נישט פון איהר, (פיהרט איהם אין א זייט. אין דער שטיל) מיר וועלען אוועקפאהרען קיין לאדז... דארט א חופה שטעלען... א דירה דינגען... אזעלכע צוויי נקבות... בעדענק, וואס דו טהוסט? (הויך) וואס האבען זיי זיך אן דיר אנגעטשעפעט? דו ווייסט נישט פון איהר... (ציהט איהם ביי דער האנד) קום, שלמה... (שלמה וויגערט זיך).

## שרה

(הויך מיט א חנפ'דיג שמייכעלע).

נו, פארוואס געהסטו נישט מיט איהר, שלמה? זי איז דאך געקומען נאך דיר... אוועקפאהרען נאך לאדז... א חופה שטעלען... א דירה דינגען... הים, הים. (הייבט זיך אויף צו שלמה'ן, ציהט איהם אוועק

פון הינדלען.) אַזאַ יונגער יונג ווי דו ביסט, האָסט אַ אָרנטליכֿע יודי-שע מאַמע, אַ פרומען טאַטען געהאַט... וואָס וויל זי פון דיר האָבען? וואָס האָט זי זיך צו דיר צוגעטשעפעט?

שלמה

(רופט).

קום, שרה, נעהם אַרויף רבקה'לען.

הינדעל

(פערשטעלט איהם מיט דער האַנד דאָס מויל).

דו וועסט נישט זאָגען... דו ווייסט נישט פון איהר. (זי לויפט צו צו דער אויסגאַנגס-טהיר, און מאַכט זי צו, אוועקשטעלנדיג זיך ביי איהר). איך וועל דיך נישט אַרויסלאָזען. (וואַרפט זיך צו שלמה'ן, כאַפט איהם אָן ביי דער האַנד) געדענק, שלמה... זיי מעגען, מיר טאָרען נישט? ! קום, שלמה... מיר וועלען אַוועקפאָהרען ... אַזאַ פרנסה... אַזאַ פרנסה...

שלמה.

מיר האָבען שוין געהערט... שוין געהערט... (שטופט זי אָב פון זיך) שפּעטער וועלען מיר ריידען, איצט האָב איך קיין צייט נישט. (געהט אַרוים מיט שרה'ן).

שרה

(לויפט צוריק אריין, גיט אַ פראַל אויף די טהיר פון רבקה'לעס צימער, רופט).

רבקה'לע איז דאָ!

הינדעל

(אין קאָרידאָר).

איך וועל דיך נישט לאָזען... דו וועסט נישט זאָגען...

שלמה

(אין דער טהיר).

קום, שרה.

שרה

(ארויסלויפענדיג נאָך שלמה'ן).

איך געה, שלמה.

(שרה, שלמה, הינדעל אָב).

ר' אלי

(קומט אַריין מיט'ן „פעטער").

גלויבט צו גאָט! גלויבט צו גאָט! (צום „פעטער", וועלכער דרעהט זיך אַרויף און אַראָב איבער דער שטוב. ר' אלי געהט איהם נאָך) און זעהסט, אָט האָט דיר השם יתברך געהאָלפען... ער שטראָפט טאַקע, אָבער ער שיקט די רפואה פאַר די מכה... כאָטש דו האָסט געזינדיגט, כאָטש דו האָסט גערעדט עזות'קייטען. (זאָגט איהם אָן) פון איצט אָן מוזט דו נעהמען אויף דיר, אַז דו זאָלסט אַזעלכע ווערטער נישט רעדען... זאָלסט דרך-ארץ האָבען... גרויס דרך-ארץ... זאָלסט וויסען, וואָס אַ ספר תורה איז, און וואָס אַ יוד אַ למדן איז... מוזט געהן אין בית-המדרש אַריין, מוזט דו געהן... מוזט אַ גרויסע נדבה אויף תומכי-תורה גע-בען... און פאַסטען אַ תענית, וועט גאָט דיר מוחל זיין... (פויזע. קוקט אויפ'ן „פעטער", וועלכער דרעהט זיך אַרויף און אַראָב פערטראַכט אין אַנדערע ענינים) וואָס, דו הערסט מיך נישט? מיט השם יתברך'ס הילף וועט אַלץ דורכגעהן בשלום, איך וועל טאַקע באַלד אַריבערגעהן נאָכ'ן חתנ'ס פאָטער... און מיר וועלען די זאַך אַ דורכשמועסען בפרוטרוט... נאָר זאָלסט דיך נישט דינגען, אַ הונדערטער אַרויף, אַ הונדערטער אַראָב. זאָלסט וויסען, ווער ער איז און ווער דו ביזט... און זאָלסט טאַקע באַלד מסלק זיין דעם נדן און נישט בעלעמוטשען מיט די חתונה... אַז עס זאָל, חלילה, נאָך אַמאָל צו קיין מכשול נישט קומען... אַזעלכע זאַכען לייגט מען נישט אָב... (קוקט אויפ'ן „פעטער") וואָס, דו

הערסט מיך נישט? איך רעד דאָך צו דיר?

דער „פּעטער"

(ווי צו זיך).

איין זאַך וויל איך זי נאָר פרעגען, נאָר איין זאַך, נאָר דעם אמת זאָל זי מיר זאָגען... דעם גאַנצען אמת: יאָ, אָדער ניין.

ר׳ אלי.

דו זינדיג נישט, דאַנק גאָט, וואָס ער האָט דיך אויף אַזוי פיעל געהאָלפען.

דער „פּעטער"

(ווי פריהער).

איך וועל איהר גאָר נישט טהון... נאָר דעם אמת: יאָ, אָדער ניין.

ר׳ אלי.

דעם אמת... דעם אמת... גאָט וועט העלפען... אַלץ וועט אַ דורכגעהן בשלום... איך געה שוין נאָכ׳ן מחותן, ער איז אין בית-המדרש און וואַרט אויף מיר אודאי, (קוקט זיך אום) זאָג דיין פלונית, אַז זי זאָל דאָ דערוויייל צוריימען... און דו מאַך אַ קנין-יד, טאַקע באַלד אויפ׳ן אָרט... אַז ער זאָל קיין צייט נישט האָבען פון עפּעס געוואָהר צו ווערען און חרטה צו האָבען... שמועס אָב די חתונה און שיק אַוועק די כלה צום חתנ׳ס משפּחה... נאָר נישט בעלעמוט-שעט... שאַ שטיל, קיינער זאָל נישט געוואָהר ווערען... (מאַכט זיך צום אַרויסגעהן) און דו שלאָג דיר די נאַרישקייטען פון קאָפּ אַרויס, נעהם דיר גאָט צו הילף, און זיי אויפגערוימט... אַז דער מחותן זאָל חלילה גאָר נישט בעמערקען... (אַרויסגעהענדיג) זאָג דיין פלונית, אַז זי זאָל דאָ אָרענטליך מאַכען (געהט אָב).

דער „פעטער"

(דרעהט זיך ווי פריהער איבער די שטוב).
נאָר דעם אמת זאָל זי מיר זאָגען... דעם ריינעם אמת.
(א לענגערע פויזע).

שרה

(אין דער טהיר).
קום אַריין, קום, דער טאַטע וועט דיך נישט שלאָגען... (פויזע)
געה אַריין זאָג איך דיר. (שטופט אריין רבקה'לען. רבקה'לע איז אין א טוך ארומגעהילט איבערן קאָפּ, שטעהט ביי דער טהיר, קוקט אונפערשעמט מיט די אויגען, פערביסען די ליפּען, שווייגט, שטעהענדיג אויף איין אָרט).

שרה.

און וואָס שטעהסט דו, טאָכטער לעבען? נחת אונז אָנגעטהון...
פאַר אונזער פּראַצע... פאַר אונזער מיה... שוין שפּעטער זיך מיט דיר אָברעכענען (האקט אָב) געה אַריין... קעם דיך צו, טהו אָן אַ קלייד, אַ מענש דאַרף צו קומען... (צום „פעטער") איך האָב געטראָפען ר' אלי'ן, ער איז געגאַנגען נאָכ'ן מחותן... (קוקט זיך אין שטוב אום)
אַ חורבן נאָך מיר — ווי דו זעהסט אויס!
(נעהמט זיך האסטיג די זאכען גלייך צו שטעלען).

דער „פעטער"

(דערזעהט רבקה'לען, קוקט זי אָן, דערנעהנט זיך צו איהר, נעהמט זי ווייך אָן ביי דער האַנד, פיהרט זי אַהין צום טיש).
האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיך נישט שלאָגען... (ער זעצט זיך) זעץ דאָ זיך אַנידער נעבען מיר, (רוקט איהר א שטוהל אהער) זעץ דיך.

רבקה'לע

(ברוגז'יג, בעהאלט דאָס פּנים אין א טוך).
איך קען שטעהן אויך.

דער „פעטער".

זעץ דיך, (ער זעצט זי אנידער) האָב נישט קיין מורא.

רבקה'לע

(פון אונטער דער טוך).

וואָס האָב איך מורא צו האָבען?

דער „פעטער"

(שטאַמעלט).

רבקה'לע, זאָג מיר, רבקה'לע... דו ביזט מיין טאָכטער, אין בין דיין טאַטע, (ווייזט אויף שרה'ן) דאָס איז דיין מאַמע... זאָג מיר, טאָכטער, זעה, דעם גאַנצען אמת זאָג מיר... דו האָב נישט קיין מורא פאַר מיר... דו שעם דיך נישט פאַר מיר... איך וויים, נישט איבער דיינע זינד, נישט איבער דיינע זינד... איבער מיינע, איבער מיינע, איבער דיין מאַמעס זינד... אונזערע זינד... זאָג מיר, טאָכטער.

שרה.

גיב נאָר אַ קוק, ווי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט איהר אויסטענה'ן... וואָס וויל ער פון איהר האָבען? קוים דערלעבט! לאָז זי אַריינגעהן אָנטהון זיך, אַ מענש דאַרף דאָך באַלד אַנקומען. (געהט צו, וויל אוועקנעהמען רבקה'לען פון „פעטער").

דער „פעטער".

לאָז זי אָב זאָג איך דיר.

(שטופט אָב שרה'ן פון רבקה'לען).

שרה.

משוגע איז ער געוואָרען היינט, וואָס טהוט זיך דאָס מיט איהם? (נעהמט זיך ווייטער צו צורוימען).

### דער „פעטער"

(זעצט אנידער רבקה'לען נעבען זיך).

איך וועל דיך נישט שלאָגען... (נעהמט אָן מיט זיינע פינגער איהר דינעם האלז) ווען איך וואָלט דיר דעם האלז אָבגעדרעהט אָט אַזוי, איי-דער דו ביזט אויפגעוואַקסען, וואָלט פאַר דיר גלייכער געווען און פאַר מיר גלייכער געווען... נאָר האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיר גאָרנישט טהון... נישט איבער דיינע זינד האָט אונז גאָט געשטראָפט, איבער אוי־ערע. איך האָב דיך אָבגעהיט ווי מיין אויג אין קאָפּ, אַ ספר-תורה האָב איך געלאָזט שרייבען, פאַר דיינעט וועגען... איך האָב עס צו דיר אין שטיבעל אַריינגעשטעלט און דערצו געבעטען גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט: היט אָב מיין קינד פון שלעכטס... מיך שטראָף, דיין מאַמע שטראָף, נאָר מיין קינד היט אָב... וועסט אויפ-וואַקסען, וועל איך מיט דיר אַ שדוך טהון... איך וועל דיר נעהמען אַ אָרענטליכען יונגען-מאַן פאַר אַ חתן... איך וועל אייךביידען קעסט געבען... איהר וועט אייך ביידע לעבען...

### רבקה'לע

(פון אונטער דער טוך).

איך האָב נאָך צייט חתונה צו האָבען... איך בין נאָך נישט אזוי אַלט.

### שרה.

דאָס רעדט נאָך אַקעגען...

### רבקה'לע.

נאָר מיר ווילען זיי מאַכען פאַר אַ רבי'צין, פאַר וואָס האָט די מאַמע נישט אַזוי פריה חתונה געהאַט?

### שרה.

האַלט דעם פיסק, וואָרום איך פּאַטש עס דיר אויס! אויס-

געלערענט זיך דאָס, איבער איין נאַכט זיך אויסגעלערנט!

רבקה׳לע

(ניט פערשטענדיג).

יאָ, איך ווייס שוין...

דער „פעטער".

לאָז זי אָב! (האסטיג) איך וויל זי נאָר איין זאַך פרעגען... נאָר איין זאַך, דעם אמת זאָג מיר... איך וועל דיך נישט שלאָגען, איך וועל דיר נישט אָנריהרען, נישט דו ביזט שולדיג... (קען דאָס וואָרט נישט ארויסריידען) אָפען זאָג מיר, דאָס... דאָס... דעם גאַנצען אמת זאָג מיר... דעם אמת...

שרה.

וואָס פאַר אַ אמת זאָל זי דיר זאָגען? וואָס ווילסט דו פון איהר האָבען?

דער „פעטער".

נישט דיך פרעג איך. (שטעלט זיך אויף, כאפט אָן רבקה׳לען ביי דער האנד) דו שעם דיך נישט פאַר מיר... איך בין אַ טאַטע בין איך... פאַר מיר קענסט דו אַלץ זאָגען... זאָג אָפען... ביזט נאָך... ביזט נאָך אַזוי ריין, ווי דו ביזט אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען? ביזט דו נאָך אַ כשר יודיש קינד?

שרה

(רייסט ארויס רבקה׳לען פון פעטערס האנד).

וואָס ווילסט דו פון איהר האָבען; דאָס קינד ווייסט נישט פון קיין שלעכטס, לאָז זי אָב.

### דער „פעטער"

(האלט רבקה'לען פעסט ביי דער האנד, פרובט איהר קוקען אין פנים אריין).

דו זאָג מיר דעם אמת, איך וועל דיר גלויבען... אין פנים אריין קוק מיר... גלייך אין פנים אַריין... ביזט נאָך אַ כשר יודיש קינד? אין פנים אַריין קוק מיר, גלייך אין-פנים אַריין! (בעמיהט זיך צו קוקען איהר אין פנים אריין. רבקה'לע בעהאלט דאָס פנים אין טוך).

### שרה.

פאַר וואָס נעהמסט דו נישט די טוך פון קאָפּ אַראָב? אין שטוב אין אַ טוך? (רייסט איהר די טוך פון קאָפּ אראָב, רבקה'לע לאָזט זיך נישט, בע-האלט דאָס פנים אין קאפּטען).

### דער „פעטער"

(שרייט).

דו זאָג מיר יעצט... שעם דיך נישט... איך וועל דיר גאָר נישט טהון. (האלט זי פעסט ביי די הענד, נעהמט זי צו צו זיך און קוקט איהר אין די אויגען). ביסט דו נאָך אַ כשר יודיש קינד? — זאָג מיר, דאָ אויפ'ן אָרט.

### רבקה'לע.

(פרובט פערשטעקען דאָס פנים אין קאפּטען).

איך ווייס נישט...

### דער „פעטער"

(שרייט).

דו ווייסט נישט... דו ווייסט נישט, נאָר ווער דען ווייסט?.. ווי הייסט: דו ווייסט נישט?.. דעם אמת זאָגען... זאָג, ביסטו נאָך...

## רבקה'לע.

(גיט זיך א רים ארויס פון פעטער'ס הענד).

און די מאַמע האָט געמעגט?.. און דער טאַטע האָט געמעגט?.. איך ווייס שוין פון אַלץ... (פערשטעלט זיך דאָס פנים מיט די הענד) שלאָגטס מיך, שלאָגטס מיך!

(שרה לויפט צו מיט אויסגעשטרעקטע הענד, וויל רבקה'לען שלאָגען, דער פעטער שטופט זי אָב מיט איין קלאַפּ, זעצט זיך אוועק בלייך אויף זיין שטוהל, אָטעמט שווער אָב. רבקה'לע זעצט זיך אויף דער ערד, וויינט הויך. א שטילע לאַנגע פויזע. שרה דרעהט זיך אין שטוב אַרום. מען זעהט, אז זי ווייסט נישט, פון וואָס צו אָנפאַנגען. נאָך א לאַנגע פויזע נעהמט זי דעם בעזעם און קעהרט אוים די שטוב שווייגענדיג, ווי זי וואָלט עפּעס געגנב'עט, נאָכהער געהט זי צו צו רבקה'לען, הויבט זי אויף ביי דער האַנד און פיהרט זי אַריין אין צימער. דאָס אַלץ טהוט זי שווייגענדיג. דער „פעטער" גלייך אויף זיין אָרט. רבקה'לע אָב).

## שרה

(קומט אַריין פון רבקה'לעס צימער, לויפט צו צום „פעטער", חאַפּט איהם אָן פאַר דער האַנד, בעטענדיג זיך).

יעקל, בעדענק דיך, געדענק אין גאָט, ווער דאַרף דען פון עפּעס צו וויסען?... (פויזע) שטיל דיך איין... (פויזע) רבקה'לע וועט חתונה האָבען, מיר וועלען נאָך נחת פון איהר דערלעבען...

## דער „פעטער"

(שווייגט).

## שרה.

טהו אָן אַ קאַפּאָטע, זיי וועלען דאָך באַלד אָנקומען. (קוקט אויף דעם „פעטער", אָבהאַקענדיג) ווער דאַרף דען פון עפּעס צו וויסען?

## דער „פעטער"

(שווייגט, גלאָצט מיט די אויגען אויף איין אָרט).

שרה

(ברענגט אריין דעם פעטערס ראָק, טהוט איהם אָן אַ הוט. דער „פעטער" לאָזט זיך אַנטהון.)

**אַזאַ אונגליק... אַזאַ אונגליק... געה רעכט דיך אויף עפּעס...** (אָנגעטהון דעם „פעטער", מאַכט זי אויף זיך גלייך די מלבושים, שטעלט אַלץ אין אָרד־נונג, לויפט אריין אין רבקה'לעס צימער. מען הערט ווי זי בעהאַלט עפּעס דאָרטען. לויפט באַלד צוריק אַרויס.) **שוין שפּעטער מיט דיך זיך אָבּרעכענען.** (קוקט אַרום די שטוב, אויב עס איז אַלץ אין אָרדנונג. גלייכט נאָך עפּעס אויס.) **היינטיגע צייטען... חאָווע אויף קינדער, אוי, אוי...**

(אויף די טרעפּ הערט מען אויפגעהענדע טריט).

שרה

(לויפט צו צום „פעטער", ציהט איהם ביים אָרבּעל).

**זיי געהען, געדענק אָן גאָט... יעקל... אַלס קען נאָך גוט ווערען...**

(עס קומען אריין ר' אלי און אַ פרעמדער יוד).

שרה

(שטופּט אַרונטער די האָר אונטער'ן שייטעל, שטעלט זיך אין די טהיר, גרייט אויפצונעהמען די געסט).

ר' אלי.

**גוט מאָרגען.**

שרה.

**גוט מאָרגען — גוט יאָהר. ברוך הבא,** (אביסעל צומישט. שטעלט זיי אַנידער אַ שטוהל. בעט זיצען).

ר' אלי

(פרעהליך).

**וואו איז דער מחותּן?** (זוכט מיט די אויגען דעם „פעטער").

שרה

(מיט אַ שמייכעלע צום „פעטער").

**יעקל, פאַרוואָס ווייזט דו דיך נישט?** (זי רוקט נעהנטער דעם שטוהל

צום „פעטער".

(די יודען גיבען איהם אָב שלום-עליכם, ועצען זיך.)

ר' אלי

(בעוועגט מיט די הענד).

לאָז מען זיך באַלד נעהמען צום ענין. (צום פרעמדען יוד, ווייזענדיג אויפ'ן „פעטער") דער יוד וויל זיך מיט אייך משדך זיין, ער האָט אַ כשר'ע, יודישע בתולה, וויל ער איהר געבען אַ מאַן אַ תלמיד-חכם, קעסט כל ימיו.

דער פרעמדער יוד.

מהיכי תיתא!

דער „פעטער"

(שטעלט זיך אויף פון טיש.)

יאָ, ר' יוד, אַ כשר'ע יודישע בתולה... אַ כשר'ע...

ר' אלי

(צום פרעמדען יוד).

פינף הונדערט רובל במזומנים וויל ער באַלד מסלק זיין צו די תנאים... קעסט כל ימיו... האַלטען איהם ווי אַ אייגען קינד.

דער פרעמדער יוד.

מילא מיין סחורה האָב איך נישט אויסצוריהמען, ער זיצט אַ צוויי יאָהר און לערנט — האָט ער די הוראה אין קעשענע.

ר' אלי.

דאָס ווייסט מען טאַקע — דער יוד וועט איהם האַלטען ווי אַ אויג אין קאָפּ, פון כל טוב וועט ער דאָ האָבען, ער וועט קענען זיצען און לערנען יום ולילה.

דער „פעטער".

(ווייזט אויף רבקה'לעס צימער.)

יאַ, דאָרט, דערינען וועט ער זיצען און לערנען אין דער

הייליגער תורה ... איך האָב אַ כשר'ע, יודישע טאָכטער. (געהט אריין אין רבקה'לעס צימער און שלעפט ארויס מיט געוואַלד רבקה'לען ביי דער האַנד, זי איז נאָך האַלב אויסגעטאָן, די האָר צופלאָשעט. ווייזט אויף רבקה'לען) אַ כשר'ע יודישע בתולה וועט חתונה האָבען פאַר אייער זוהן ... האָבען כשר'ע, יודישע קינדער ... ווי יעדע יודישע טאָכטער ... (צו שרה'ן) וואָס, ניין? (לאַכט ווילד צום פרעמדען יוד). יאָ, יאָ, מחותן, אַ כשר יודיש ווייבעל זיין ... מיין ווייב וועט זי אונטער דער חופה פיהרען ... אין „הייזעל" אַראָב! אונטען! (ווייזט אויפ'ן קעלער) אין „הייזעל"! (שלעפט רבקה'לען ביי די האָר צו דער טהיר) אין „הייזעל" אַראָב!

שרה

(לויפט צו ווילד).

געוואַלד, מענשען, ער איז משוגע געוואָרען! (זי וויל ארויסרייסען רבקה'לען).

(דער „פעטער" שטופט זי אָב, שלעפט ארויס רבקה'לען פאַר די האָר).

דער „פעטער"

אין „הייזעל" אַראָב... (אָב מיט רבקה'לען, הינטער דער סצענע הערט מען רבקה'לעס געוויין).

דער פרעמדער יוד.

(ערשטוינט און דערשראָקען).

וואָס איז דאָס?

(ר' אלי ווינקט צו איהם. שלעפט איהם ביים אַרבעל און ווייזט איהם אויף דער טהיר. דער פרעמדער יוד שטעהט נאָך ערשטוינט. ר' אלי ציהט איהם צו דער טהיר, געהען אָב. פויזע.)

דער „פעטער"

ברענגט צוריק צושלעפען ביי דער האַנד ר' אלי'ן, וועלכען ער האָט אויף די טרעפ געפאַקט.)

דאָס ספר-תורה נעהמט איך מיט, איך דאַרף עס שוין נישט מעהר!

(פאָרהאַנג).

# דער לאנדסמאן.

# פּערזאָנען:

| | |
|---|---|
| זשאַק | אַ מאַנספּערזאָן פון אַיאָהר אַיינִיגע פיִערציִג, אַלמן, זעהט אָבער אויס פון אַיינִיגע דרייסיִג, (קרעפּטיִג). |
| איזאַאַק | זיין שוואָגער, דעם געשטאָרבּיִנע־ נעמ׳ס וויִיב׳ס אַ ברודער, זיין פּאַר־ טנער, עטוואָס עלטער פון זשאַק. |
| קאַנטאָר קעניגסשטיין | עלטערער מענש גרויע האָר. |
| מיסעס לואיזאַ קעניגסשטיין | זיין שוועסטער אַנ׳עלטערע פריילין. |
| ר׳ משה בלומעלע | זשאַק׳ס וויִיטע קרובים פון דער היים, ער רופט זיִי פון געוואוינ־ הייט „פעטער און מוהמע״. |
| שיינדעלע | זשאַק׳ס אַ פריינדין פון דער היים, אין זיינע יאָהרען, אָבער זעהט עלטער אויס. |
| פיִיגעלע | איהר טאָכטער אַ מעדעל פון אַ יאָהר 18—19 אַ פּראָוויִנץ־קיִנד. |
| שלומה „מלאך״ | זשאַק׳ס אַ פריינד און קאָלעגאַ פון דערהיים. |
| מ. בענדעט | קעניִגסשטיין׳ס און זשאַק׳ס אַ בעקאַנטער. |
| טאַנטע ראָזאַליאַ<br>אָנקעל מאָריטץ<br>טאָכטער העלענאַ | פון דיִ קעניִגסשטיין׳ס פאַמיִליע. |

(האַנדלונג אין ניו־יאָרק, געגענוואַרט.)

# ערשטער אקט.

אין פּריוואַט אָפיס פון זשאַק'ן. עס איז אין אַ ווינקעל פון אַ גרויסען קליידער סטאָר אין דאַון טאַון. דורך די שויבען זעהט מען בענק מיט קליידער, און מענשען דרעהען זיך פיהרען קונים פערביי, טהייל שויבען זיינען די ראַלעטען אַראָבגעלאָזט. טיש, שטוהלען, קליי־דער שאַנק אין ווינקעל; אויף איינס פון די ווענד הענגט אַ פאָטאָ־גראַפיע, אַ טרעפּ פון אָפיס פיהרט צום סטאָר, וואָס איז „אַבסטער", דורך די טרעפּ געהען נור די באָסעס אליין. זשאַק שטעהט פאר אַ שפּיגעל און בעקוקט אַ פראַק און אַ זיידענע וועסט, וואָס אַ בוי האָט איהם אַריינגעבראַכט; האָט זיך איהם אָנגעמאָסטען, — בעקוקט זיך אין שפּיגעל, — טהוט איהם אויס. — ער קוקט זיך אום מיט שרעק אויב קיינער זעהט ניט, בעמערקט באַלד דורך אַ שויב זיין שוואָגער פּאַרטנער איזאַאַק. נאָך אַ קליינער פּויזע קומט אַריין איזאַאַק וועלכער האַלט אַ בריעף מיט אַ ראָזען קאָנווערט אין דער האַנד; זשאַק הענגט שנעל אויף דעם פראַק אין שאַנק אַריין,

איזאַאַק קוק מיסטריומיש אויף זשאַק'ן, אַ ביסעל מיט חשד. —

איזאַאַק:

פאַר דיר, אייגענ־העענדיג, (ער שמעקט צום בריעף) . פּאַרוואַם.

זשאַק.

(חאַפּט איהם האַלב אַרויס דעם בריעף אויס דער האַנד און שטעקט זיך איהם אין די בוזעם־קעשענע, אָהנע ווערטער. אַ קליינע פּויזע. — הויבט זיך אויף, וויל צוריק אַרויס. זשאַק רופט איהם נאָך:)

ליסין, עקסיאַז, — איך האָב עפּעס מיט דיר צו רעדען.

### איזאַק.

(מיט השד'ישע בליקען):

— וואָס אזוינס? —

### זשאַק.

(שלאָגט זיך א מינוט אין דער דעה, פאַלט אָבער פלוצלונג אַרויס).

הע, ליסין, וואָס געהסט דו בייז אַרום אויף מיר,— וואָס קוקסט דו מיך אָן? וואָס, דיר געפעלט נישט וואָס איך גיה אַ מאָל חתונה האָבען?

### איזאַק.

מיר, איך, דאָן קער, (ער נעמט אַרויס פראַבען, — ווייזט איהם) נאָ, די פראָבען די שניידערס ווייסען ניט וועלכע צוצושניידען, — (זשאַק בע-קוקט זיי נישט) איבריגענס, געהסט חתונה האָבען, איך העך עס צום ערשטען מאָל, מזל-טוב.

### זשאַק.

(בייז)

וואָס שפּילסט דו מיט מיר אין הינטער טהירען, איך האָב עס נישט ליעב. פאַרוואָס ביסט דו נישט אָפען, אַזוי ווי דו ביסט שטענדיג געוועזען, ווען זי עליה-השלום... וואָס איז? איך גיה חתונה האָבען, האָב איך דען געוואָלט, אַז דיין שוועסטער זאָהל שטאַרבען. ווער איז שולדיג אין דעם? איך בין דאָך אַליין אויף דער וועלט, ווענמען האָב איך? — אָבגעאַרבייט אַ גאַנץ לעבען און צום סוף — פאַר ווענמען אַר-בייט איך? — דו האָסט האָטש קינדער, — איך קום אַהיים, איך האָב דאָך נישט מיט ווענמען אַ וואָרט אויס צו רעדען. פאַר די ווענד? — און פאַרוואָס זאָל איך קיין קינדער נישט האָבען? וואָס, אַזוי אַלט בין איך שוין?

**איזאַאַק.**

איך לאָז דיך נישט, איי דאָן קער, — איבריגענס, אַז דו האָסט שוין יאָ אָנגעהויבען צו רעדען, וועל, לאָזען מיר רעדען, ווילסט חתונה האָבען, ביסט נאָך נישט אַזוי אַלט, ווילסט קינדער האָבען, וועל, דאָס איז אָל־רייט, איי נוֹו, איי נוֹו, דאַרפסט חתונה צו האָבען, אָבער נעם אַ מעדעל, אַ בעל־בית'יש קינד, דיינס גלייכען, גענלד דאַרפסט דו נישט, האָב חתונה, האָב קינדער, אָבער זעה וואָס דו טהוסט? — דו פערדרעהסט דיר אַ קאָפּ מיט דעם אָט, (ער וויזט איהם אויפ'ן בּאָזעם) — וואָס ווען? האַלט, ברודער, דעם קאָפּ אויף די רעכטע זייט.

**זשאַק.**

(שטילער אַ ביסעל):

אָבער זאָלסט דו זעהען, ווי עס פיהרט זיך ביי לייטען, ווי מענשען לעבען, מיט אַנ'אמת, איזאַאַק. — פאַרוואָס זאָלען מיר טאַקע נישט אַריינקומען צווישען מענשען? ווער קען אונז? — און פאַרוואָס נישט, געלד האָבען מיר, און ווער קען אונז, אַנדערע מיט דעם געלד קלינגט דאָך די גאַנצע שטאָדט מיט זיי? נעם זילבערמאַנ'ען פון די בּוֹיער. לויר'ם — דאָקטוירים סאַמע, און מיר? —

**איזאַאַק.**

און אַלזאָ?

**זשאַק.**

פאַרוואָס זאָלען מיר אויך נישט, איך מיין, מיט מענשען — איך שטעה אין אַ פיינע פּאַרטיע, אַ קאָנטאָר, זי אַ געבילדעטעס פריילין, שפּיעלט פּיאַנאָ... אַ פאָרנעהם הויז... דאָקטוירים, לויר'ם סאַמע...

מען האלט זיך אונטער... פראָמינעטע געזעלשאפט.

איזאאק.

ווי אַזוי וועסט דו דיך קענען אומגעהן מיט זיי? — מיר זענען דאָך פראָסטע מענשען, ווי וועסט דו מיט זיי לעבען קאָנען? — זיי וועלען דיך נישט פערשטעהן, — דו וועסט זיי —

זשאק.

אָ, מען לערענט זיך אויס, אז מען קומט צווישען מענשען ווערט מען אליין א לייט, — יאָ, איזאאק, מען זעהט, מען הערט, ווי מענשען האלטען זיך אונטער, אָ מען לערענט זיך — און די מיי־סעס קעניגסשטיין, איז אַזוי גוט, און רעדט מיט מיר, און זאָגט מיר, — אָ, מען לערענט זיך, — אז מען קומט אונטער מענשען — און פּאַרוואָס נישט, איזאאק, געלד האָבען מיר? ווי האָבען מיר ביז יעצט. —

איזאאק.

(פאלט איהם אין די רייד ארײן מיט איראָניע).

מענשעלסט דו דיך יעצט אויס, מען לערענט דיך הייסט עס, ווי מיט לייטען אומצוגעהן — די מיסעס קעניגסשטיין, — די כלה הייסט עס, — אַיי ניו, אַיי ניו, — עס איז אַל־רייטה, — וועסט דו דיך אַ שוואַרץ יאָהר אויסריכטען האָב איך מורא, — האָב איך מורא, — אַיי דאָן־קער, וואָס איז עס מיינע ביזנעס, טהו ווי דו פערשטעהסט; נו, זעה, ברודער, זאָלסט דער נאָך קיין חרטה נישט האָבען. אָבער געה נור ארויף, ווייז, די שניידערס צו וועלכען זיי זאָלען זיך נעמען,

זשאַק.

פאַרוואָס זאָל איךְ חרטה האָבען, אַז דו וואָלסט געזאָלט זעהען די געזעלשאַפט.

איזאַאַק.

(האַקט איהם איבער)

עס איז אַל רייט, אָבער געה נור אַרויף. — די שניידערס וואַרטען מיט דער אַרבייט.

זשאַק.

(געהענדיג אַבסטערס)

איך מוז דיךְ אַמאָל מיטנעהמען צום קאַנטאָר, וועסט זעהען.

איזאַאַק.

וואָס, אויך אויף דער לעהרע, ווי אַ מענש צו זיין? גענוג! זיי לערנען דיךְ אוים. (זשאַק פערשווינדט. איזאַאַק רופט אַ בוי און זאָגט איהם עפּעס אין דער שטיל. דער בוי פערשווינדט. אין אַ קליינע ווייל פיהרט ער אַריין ר' משה'ן און בלומעלע'ן. אַנ'אַלט פּאָר פאָלק פון אַ קליינע פּאָלנישע פּראָווינץ־שטאָדט, געהן נאָך ביידע אָנגעטהון היימישע מלבושים: בלומעלע אין אַ חויב, ר' משה אין אַ יודישען הוט מיט אַ יודישען ראָק. אַ לאַנגע ווייסע באָרד).

איזאַאַק.

קומט אַריין ר' משה, קומט בלומעלע, איין ווייל, ער קומט באַלד אַראָב. (אין דער שטיל) נור קיין איין וואָרט נישט, אַז איך האָב נאָך איינך געשיקט. זאָגט, אַז איהר זענט גלאַט אַזוי אַהערגע־

קומען צו אייער זוהן שמואל, אויף דער עלטער; איהר הערט? עס איז דא א זאך דערביי, איהר וועט שוין שפעטער געוואהר ווערען.— עס איז פאר זיין גוטען, — מען דארף איהם אויסהיילען פון זיינע בארישקייטען (ער וויזט זיך מיט'ן פינגער אויפ'ן קאפ.) און וואו איז שלמה?

### בלומעלע.

ער האט געזאלט מיט אונז אינ'איינעם קומען, — ער וועט אודאי באלד אהנקומען.

### איזאאק.

ער זאל נור נישט אויסזאגען? —

### ר' משה.

איהר האט עס דאך אין אייער בריעף געשריבען.

### איזאאק.

אל רייטה, יעצט געה איך נאך איהם, [ער געהט אבסטער'ס, און רופט] זשאק, זשאק, געה נור אראב, עס ווארט ווער אויף דיר, — (פון די טרעפ) וועל ר' משה, — גליק, גליק. (ער פערשווינדעט.)

### בלומעלע.

(צו ר' משה'ן)

וואס קען די מעשה זיין, וואס ער וויל דאס נישט האבען, אז יעקעל זאל געוואהר ווערען, אז ער האט נאך אונז געשיקט.

### ר׳ משה.

מין הסתם איז דאָ אַ טעם דערביי, — עס איז מעשה סוד, שווייג, אַט געהט ער דאָך.

### זשאַק.

(קומט אַראָב אַבסטער׳ס)

ווער דאָס אַ זעלבעס? — (דערזעהט צוערשט די יודענע.) ווער איז דאָרט? (די יודענע רוקט זיך אין אַ זייט, זשאַק געהט נאָהענט צו צו איהר, בע־טראַכט זי, די יודענע וויל זאָגען, ווער זי איז, — זשאַק מאַכט מיט די האַנד) ניין, ניין, — איך וויל אַליין טרעפען (דאָס פּנים הויבט איהם אָן צו לויכטען,) בלומעלע, מוהמע בלומעלע, דעם פעטער ר׳ משה׳ס ווייב, זאָ העלף מיר גאָט, — (ער שרייט אַרויף) הע, איזאַאַק, איזאַאַק, טרעף ווער עס איז דאָ?

### איזאַאַק.

(שרייט אַראָב פון אויבען):

איך ווייס, ווייס, מען האָט עס מיר שוין אין סטאָר געזאָגט.

### זשאַק.

ער ווייסט עס שוין, [גיט זיך אַ קוק אום, דערזעהט דעם אַלטען. מיט שרעק] שאַ, ווער איז דאָס? (בלייך ווי די וואַנד מיט האַלבע טרעהרען אין די אויגען), דער פעטער, ר׳ משה — שלום־עליכם! אָ, ווי לאַנג, [ער כאַפּט זיך צוריק] ניין, בעפויר, אײדער, וואָס און ווען, מוזט איהר מיר אַקאָרשט זאָגען, וואָס זענען געווען אײערע לעצטע ווערטער צו מיר, בעפויר איך בין קיין אַמעריקאַ אַוועק — זאָגט אַקאָרשט.

### ר׳ משה.

(אין שרעק, שטאַמעלט, מיט טרעהרען)

ווער קען עס גערענקען אַ מעשה, פון איינציגע צוואַנציג יאָהר.

### זשאַק.

און איך וועל עס אייך זאָגען, וויַיזט נור אייער שטעקען, (ער נעמט אַרויס דעם שטעקען פון דעם אַלטען יוד, און מאַכט מיט אַ בייזערדיגען טאָן) די פערד שפאַנען, דו יונגאַטש איינער! נו האָט איהר שוין געשפאַנט די פערד? חאַ, חאַ, חאַ.

### ר׳ משה.

(האַלב פערשעמט)

ווער האָט זיך געקענט דאַן ריכטען וואָס אוים דיר וועט, (ער כאַפּט זיך צוריק) אוים אייך — ווער דען.

### זשאַק.

ניין, ר׳ משה, זאָגט מיר דו, — שאַדט נישט איהר מעגט מיר זאָגען דו, איך האָב אייער ברויט געגעסען, — נו, און די מוהמע בלומעהלע, לאָזט מיך אייך אַ קאָרשט אָנקוקען, — די זעלבע יודענע, נו, זעצט אייך ר׳ משה, — טהוט אוים דעם ראָק (ער העלפט איהם דעם ראָק אויסטהון, ר׳ משה לאָזט זיך נישט.) שאַדט נישט, איך מעג אייך בעדיענען, — איהר זענט געוועזן צו מיר, — (ער ענדיגט נישט) זעצט אייך, (רוקט פאַר איהם און איחר שטוהלען אַרויס. ער ערמאַנט זיך) איינשפאַנען, שרייט איהר, און איך כאַפּ זיך מיט שלמה׳ס פוהר, מיט די ליטוואַקעס מיט צו די גרענעץ, און איהר, וואַרט נאָך אַלץ אויף די פוהר, אַה,

שוין לאַנג האָט איהר געקענט ווארטען — האַ, איהר ווארט נאָך.

ר׳ משה.

מן השמים איז עס דאָך געווען אַ גאָטס אַ זאַך. — דיין גורל איז געווען אַזוי בעשערט.

זשאַק.

אַזוי, אַזוי ר׳ משה.

ר׳ משה.

דיין מזל אַזוי, — אַז דורך דיר זאָהל דאָס גאַנצע שטעדטיל געהאָלפען ווערען; ווארום גאָט פריהער און דערנאָך דו, — עס האַלט זיך דאָך נור אַלעס אויף, וואָס דו שיקסט אויף יום-טוב אַהיים, משפחה און בעקאַנטע, און ווען ניט? אוי, וואָס וואָלט אוים זיי געווארען?

זשאַק.

נו, נו, מאַכט ניט, — (האַקט אָב דאָס געשפרעך.) נו, וואָס זאָגט איהר בלומעהלע (צו פערריבלטס) העַ, מוהמע בלומעהלע פלעג איך דאָך אייך רופען, יאָ, איהר זעט דאָך די מאַמענס אַ שוועסטער געווען— דאַכט זיך, נו, אַ, וואָס זאָגט איהר?

בלומעלע.

וואָס זאָל איך זאָגען, איך האָב נור איינס צו זאָגען, אַלעווי אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרען און אויף כל ישראל אָמן.

### יצחק.

(מיט טרויער)

איי ר׳ משה, עס וואָלט אַלעס גוט געווען ווען גאָט שטראָפט מיך נישט אַזוי; שלעכט אָהן אַ יורשע ר׳ משה, שלעכט — איהר האָט דאָך אודאי שוין אין דער היים געהערט? —

### בלומעלע.

געהערט, געהערט, אוי, אוי, טוידט לאָזט זיך הערען.

### ר׳ משה.

מען האָט פאַר איהר אין שוהל אל מלא רחמים געזאָגט.

### יצחק.

(ווייזט אויף אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע, וואָס הענגט אויף דער וואַנד).

געהאָרעוועט מיט מיר, טאָג און נאַכט, אין די סטאָרס, אין די שאַפּס, און אַז עס איז געקומען צו עפּעס פוילט עס אין ד׳ערד. האָב הייזער, סטאָרס, שאַפּס, ני וואָס? עסען וועל איך עס, — איי־נער אַליין אין די שטובען אַרום, אָהן אַ קינד, אָהן אַ רינד.

### ר׳ משה.

ביי קיינעם קען די פרייד נישט זיין פּועל.

### בלומעלע.

אַ ווייב און אַ קינד איז ביי אַלעמען גלייך, צי ביים נגיד, צי ביים

אָרימאַן, דענסמאָל פיהלט מען עס ערשט, ווען מען האָט עס נישט.

## זשאק.

פאַר אייך מעג איך עס דאָך פערטרויען, איהר זענט דאָך היימישע מענשען, פאַר וועמען דען האָב איך מיין הארץ אויסצוגיעסען? ער, איזאַאק, מיין פאַרטנער, איז דאָך איהר׳ס אַ ברודער, אַ ברודער איז אַ ברודער, קען איך דאָך איהם נישט זאָגען אַלעס; וועל, זי איז שוין געוועזען איינמאָל אַ יודענע, וואָס איהר זעהט, מיינט איהר איז מיינס? זי, זי האָט געאַרבייט, זי מיט איהר קאָפּ און מיט איהר שכל. אַז נישט זי וואָלט איך נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג געפּוילט אין שאַפּ, זי דאָט געמאַכט דעם ערשטען סטאָר, נישט געגעסען, נישט געשלאָפען, געהאָרעוועט אינ׳איינעם מיט מיר, הכלל גענומען און גע־שטאָרבען. עס איז געקומען צו עפּעס, קענסט יעצט פאַר דיין גראָשען לעבען — נעמט עס און שטאַרבט. און וואָס קען איך טהון? קיין קינד נישט איבערגעלאָזט, איך האָב מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסצורעידען, פאַר וועמען וועט דאָס אַלעס איבערבלייבען? פאַר פרעמדע? — און וואָס אַזוי אַלט בין איך שוין? (ער כאַפּט זיך צוריק. רופט מיט אַ געוויסען געבייזער, אַ בוי:) הע, ברענג מיר עפּעס, — אַביסעל וויסקע, אַגלאָז טהע, ר׳ משה, גאָר עפּעס עסען? הער נור, לויף דאָ אין רעסטאָראַן אַ שטיקעל גוטע טשיקען — דאָ, קומט קיינער נישט אַריין, ע, גוט האָט איהר געטהון ר׳ משה, וואָס איהר זענט אַהער געקומען אויף דער עלטער, גאָט וועט אייך נישט פערלאָזען, און איך אויך ניט; מיר זענען דאָך עפּעס משפּחה, ביי מיר אין הויז וועט איהר וואוינען — האָט ניט קיין מורא, עס וועט אייך ניט קאָסטען קיין רענט, — און דאָ האָט איהר דעם ערשטען הונדערטער אויף אָנבייסען. אָרדענט אייך איין, ר׳ משה, עס וועט זיין אָל־רייטה, ביי אונז אין די חברה, וועט איהר ווערען אַ מעמבער, פּרעזידענט, אפשר גאָר; מיר ווייסען ווער איהר זענט, מיר קענען אייך פון דער היים.

## ר׳ משה.

(מיט געשטיקטע טרעהרען):

און וואס האב איך דען געוואלט, מיט די קינדער אינאיינעם זיין, אויף דער עלטער. דער טאג איז נישט בעשטימט, — זאל חאטש ווער זיין, ווער עס זאל קדיש זאגען.

## בלומעלע.

(מיט געוויין)

אז מיר זענען איבערגעבליבען ווי פערלאזטע, די קינדער זענען אונטערגעוואקסען, האבען זיי זיך אויפגעחאפט און אוועקגעפאהרען. און דו, אלטער טאטע, און דו, אלטע מאמע, זיצט אליין אין שטוב, און קוק ארוים אין געסעל אויף דעם פלימפעל, — מען זאגט איך האב אייניקלעך. איך האב זיי דען עפעס געזעהען? איך ווייס דען פון זיי?

## זשאק.

נו, נו, עס וועט אלעס זיין אל רייט, איהר וועט ביי די קינדער זיין, אייער שלמה׳לען וועל איך בעסערן אויף פינף טאלער די וואך, זאל ער האבען דעם טאטען צו געבען, און איהר, בלומעלע, וועט די אייניקלעך וויעגען, נור ענגליש, ענגליש מוזט איהר רעדען צו זיי, זיי זענען גרויסע לויפערם קאלומבעס אייניקלעך, איך האב מורא, זיי וועלען אייך אלע האהר פון די וואָרצעלעך אויסרייסען, איהר מוזט זיך היטען פאר זיי [דער וועטער קומט פון גאהענטען רעסטאראן, גרייט צום טיש]. אזוי, ר׳ משה, אפשר א שטיקעל געבראטען גענזענס מיט קרויט? אין דער היים עסט מען נור שמחת תורה גענזענס מיט קרויט, דא וועט איהר עסען יעדען טאג געגזענס, יעדען טאג איז אין אמעריקא שמחת־תורה.

בלומעלע.

אז מען קען עס, פאַרוואָס זאָל מען עס זיך נישט פערגינען.

ר׳ משה.

ע, איך דאַנק, וואו וועל איך זיך דאָ וואַשען

זשאַק.

איך געדענק אייערע מאכלים, בלומעלע, די שבת׳דיגע קוגלען, איי, איי, בלומעלע האָט איהר געמאַכט קוגלען, דער טעם ליעגט מיר נאָך אין מויל.

בלומעלע.

(פערשעמט)

ווייס איך וואָס, אין אַמעריקאַ מאַכט מען אוודאי בעסערע מאכלים

זשאַק.

הייבט זיך גאָרנישט אָן. צייט איך בין אוועק פון דער היים, האָב איך נאָך איינמאָל נישט גוט געגעסען. איהר וועט מוזען מאַכען יעדען שבת אַ קוגעל און מיך פערבעטען. איי, איי, אייערע שבת׳דיגע קוגלען, ר׳ משה, אייער גאַנץ געלד האָט זי אַריינגעבראַקט אין די קוגלען.

ר׳ משה.

(האַלב אין שפּאַס)

ווען נישט איהרע פעטע קוגלען, וואָלטען מיר נישט געדאַרפט

קיין אמעריקא אראבצוקומען, זי איז שטענדיג געווען א אויסברענגעריןֿ.

בלומעלע.

און דא מוזט דו זיך מיט מיר קריגען, אלטער.

זשאק.

נו, נו, האט נישט קיין מורא, דא וועט זי נישט פערבראקען אייער געלד, אמעריקא האט א סך געלד, נור ווייניג קוגלען. — נו, וואס האב איך דאס געוואלט זאגען, — לעבט נאך די אלטע חיה־ראשע פון אונזער געסעל? וואס מאכט זי דארט, די אלטע?

בלומעלע.

ניין, לעצטען חול־המועד־פסח איז זי געשטארבען — געגאנגען אין קעלער אראב דאס שמאלץ ארויפברענגען, אויסגעגליטשט זיך א פוס און געשטארבען.

זשאק.

געשטארבען, — די אלטע חיה־ראשע! (ער שרייט ארויף) הערסט, איזאאק, די אלטע חיה־ראשע איז שוין טויט. (איזאאקס שטימע פון אויבען:) טויט, געשטארבען... נו, לאז זי לויפען בעטען.

זשאק.

(נאכדענקענדיג)

די אלטע חיה־ראשע האט מיך שטענדיג אין קעלער אראבגעלאזט שלאפען, ווינטער אויף דער נאכט, עס איז קאלט געווען —

האָט זי מיר תמיד איהר טוך צוגעוואָרפען — נאַ, דעק דיך צו, — האָט זי געזאָגט. אַ גוטע יודענע געווען.

בלומעלע.

יעקב האָט איהר אויך דערפאַר בעצאָהלט, — זי האָט געהאַט אַנ׳עלטער, אויף אַלע יודען געזאָגט, — פון דעם געלד, וואָס יעקב האָט איהר געשיקט פון אמעריקא, האָבען געקענט פינף לעבען, — מען האָט געפונען נאָכ׳ן טויט אַ שפּאָר זעקעלע אָנגעבונדען אויפ׳ן האלז.

זשאַק.

האָט זי נאָך געלד געזאַמעלט, און איך האָב דאָך איהר געשריבען, פערלעבט, באַבעשי, דאָס געלד, אין קבר וועט איהר עס נישט מיטנעהמען. — אַ חיטרע יודענע געווען; נו, און וואָס מאַכט דאָרט שיינדעלע, אונזער שיינדעלע? איז זי נאָך אַלץ אַזאַ שען מיידעלע, ווי זי איז געווען. אַ שעהן מעדעלע געווען.

בלומעלע.

וועלכע שיינדעלע? די נייטאָרין? די, מיט וועלכער דו ביזט אַ חתן געוועזן? גיב נור אַ קוק, אַ שען שען מיידעלע, אַ יודענע נאָך די פערציגער יאָהרען — האָט שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער אויסצוגעבען.

זשאַק.

(האפּט זיך אויף)

אין די פופציגער (קלערט נאָך) און ווי אַלט בין איך? (קוקט אין שפּיגעל אריין) עס וועט שוין אַזוי זיין, אַז מען פאָהרט אוועק פון דער היים, דאַכט זיך אַלץ, אַז אַלעס בלייבט שטעהן דאָרט אויף איין אָרט

(שרייט ארויף אבסטערם) איזאאק, דו הערסט, שיינדעלע איז שוין א יודע-בע אין די פופציגער יאהרען, (צו בלומעלען) וואס מאכט זי?

בלומעלע.

נעבעך א וויסטע אלמנה. מילא, דו האסט דאך נישט פערגעסען אן איהר — שיקסט דאך איהר געלד, אבער האסט איהר איין עולה געטהון.

זשאק.

וואס זי האט חתונה, געהאט.

בלומעלע.

אודאי, זי האט דיר נישט געשריבען — זי האט געווארט אויף דיר, א יאהר, צוויי — דערנאך, ווי לאנג איז די צייט צו ווארטען. — האט דיר דער פאטער די תנאים צוריקגעשיקט — עס האט זיך איהר פונקט געהאט א שידוך געטראפען.

זשאק.

אזוי, איך געדענק שוין נישט — איז דער מאן געשטארבען, — און ער האט איהר א מיידעל איבערגעלאזט.

בלומעלע.

א מיידעלע א גאלד, א מלכות'דיג קינד, און די מוטער געראטען, אויג און אויג; זאלסט זי זעהען — וואלסט דו געשווארען, עס איז די לעבעדיגע מאמע. —

### ז ש אַ ק.

אַזוי, — ווערט אפשר אַראָבקומען? (ער האַפּט זיך צוריק, ווערט רויט)
נו, און וואָס מאַכט זי דאָרט?

### בלומעלע.

פאַרוואָס נישט, — זי וויל דאָס מיידעלע אויסגעבען — און וואָס זאָל זי מאַכען, אַ וויסטע אַלמנה. פון דעם געלד, וואָס דו שיקסט איהר אַהיים — לעבט זי. זי וויל סיי ווי סיי קומען, זאָלסט איהר פאַר די טאָכטער נדן געבען. כ'לעבען, זי איז ווערט אַ גליק, דאָס מיידעל, אַ מלכות'דיג קינד, — שאַ, זי האָט דאָך, דאַכט זיך, מיט אונז די פאָטאָגראַפיע מיטגעשיקט. משה וואו האָסט דו זי?

### ר' משה.

שלמה האָט דאָך זי ביי זיך.

### ז ש אַ ק.

וועלכער שלמה? אפשר דער פאָהרמאַן? „מלאך" פלעגט מען איהם רופען. דער וואָס פלעגט אויף די לאָנקעס...

### ב ל ו מ ע ל ע.

מיט וועלכען דו האָסט ביי מיין מאַן... איך מיין... (ר' משה שטופּט זי)

### ז ש אַ ק.

(רייסט אַרויס)

די פערד געשפאַנט, — שאַדט נישט, — מיין קאַלעגע געוועזן. יאָ, וואָס מאַכט ער?

### בלומעלע.

פון דעם רעדט מען דאָך מאַקע דאָס, איז דאָך מיט אונז קיין אַמעריקאַ אַראָבגעקומען האָט זיך נישט געהאַט אין דער לעצטער צייט צו וואָס צו נעהמען...

### ר׳ משה.

(קרעכצט)

אַ גרויסער אָרימאַן! אַה, אַלעס, דאָס גאַנצע שטעדטיל, אַז די גרענעץ האָט זיך פערמאַכט.

### זשאַק.

וואָס, ער איז קיין אַמעריקאַ געקומען?

### בלומעלע.

יאָ, מיט אונז אינאיינעם, האָט געזאָלט דאָ מיט אהערקומען, דאַרף יעדען אויגענבליק (שלמה-„מלאך" שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורך די טהיר, מאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט צוריק אַנטלויפען) נאַ, מען רעדט פון איהם — אוי ער דאָ!

### זשאַק.

(דערזעהט איהם, ציהט איהם אַריין ביים לאַץ אין אָפּיס).

שלמה, שלמה.

### שלמה „מלאך".

(אַ יוּד שוין אין די עלטערע יאָהרען, מיט נאָך לאָבוסעוואַטע געזיכטסצוגען, געהט אָנגעטהון אַ העמד מיט אַ לעדערנעם דזשעק. ער ווערט בלייך, קען קיין וואָרט פון מויל נישט אַרויסרעדען, שמייכעלט.

### יִשאַק.

(בעקוקט איהם)

אָ, דו ביזט דאָך שוין אַנ'אַלטער יוד געוואָרען! דאָס איז שלמה-„מלאך" ? (שרייט ארויף) איזאַאַק, דו הערסט — שלמה-„מלאך" איז דאָ.

(דער יוד שטעהט בלייך, שמייכעלט, קען קיין וואָרט פון מויל נישט ארויסברענגען).

### יִשאַק.

וואָס איז מיט דיר? דו דערקענסט מיך נישט? איך בין דאָך יעקב. דו געדענקסט — מיר האָבען אינאיינעם די פערד געפּאַשעט, און איין שטאָל גענעכטיגט.

### „מלאך".

(לאָזט אראָב דעם קאָפּ, פערשעמט, שטאַמעלט):

איך ווייס נישט ווי אַזוי צו זאָגען.

### יִשאַק.

(לאכט)

אַייך זאָגסטו מיר, „מלאך", „מלאך" „מלאך", אַייך זאָגסטו מיר, (ער דערמאָהנט זיך פּלוצלונג אָן עפּעס, האַקט פּלוצלונג אין מיטען אָב).

### „מלאך".

(ווייזט מיט די הענד ארום)

דו ביזט היינט אַ גרויסער נגיד, איך, אַייך, דיר זאָגען דו.

### זשאַק.

(לאַכט)

אַ פיעל גרעסערער נגיד, ווי איציק מאיר אין דערהיים. אָ, קום אַהער, זעץ דיך! (שטעלט פאַר איהם דאָס פלעשעל מיט'ן גלעזעל) נו, ווי געהט עס דיר, „מלאך"? ביזט דו קיין אמעריקאַ אראָבגעקומען, — חאַ, חאַ, חאַ, „מלאך" איז דאָ! ווי לאַנג האָב איך דיך שוין נישט געזעהען (ער פערגעסט זיך)? געדענקסט, ווען מען האָט געפּאַשעט די פערד אויף די לאָנקעס, שבת נאָך מיטאָג דעם ווייסען באָלאַן, געדענקסט דעם ווייסען באָלאַן, ווען ער האָט זיך צובריקעוועט איבערן געסעל, די ווייבער זענען אַנטלאָפען. איז דאָס געווען אַ פערד! וואָס איז געוואָרען מיט איהם?

### „מלאך".

(האָפּט זיך אַרויס, פערגעסט זיך, דרייסטער):

געפאָהרען אויפ'ן קראַשענעוויצער מאַרק, האָט אַ פּוס צוּבראָכען, גאָרנישט געהאָלפען, מען האָט איהם געמוזט פיהרען צום היצעל.

### זשאַק.

צום היצעל! איי, איי, איז דאָס געווען אַ פערד? און וואָס איז געוואָרען פון דער קאָבילע?

### „מלאך".

אויף צרות, — האָבען זי פערקויפט מרדכי'לע וואַסער-טרעגער, איי, האָט ער זי צו'הרג'עט, נישט צו פרעסען געגעבען. אַז איך האָב זי דערנאָך געזעהען אין גאַס, אויסגעמאָגערט מיט די לאָפּעטעס אַרויס, האָט עס מיר אַ שטאָך געגעבען אין האַרץ, אָבער פון דעם זשרעביק

איז געוואָרען א לײַט, איז דאָס א כלי אַרויסגעוואַקסען, זאָג איך דיר, ברודער (ער דערמאָהנט זיך אויך, און האַקט אָב אין מיטען, מיט געוויסע פערשעמונג)

## זשאַק.

(וועלכער האָט זיך אויך אָן עפּעס דערמאָהנט, ענדערט דעם טאָן):

נו, עסט ר' משה! בלומעלע, געניסען זיי. עסט! (צו שלמה'ן) נאַ, טרינק, (גיסט איהם אָן) נו, ווי געהט עס דיר? ביסט דו אַהער געקומען קײַן אַמעריקאַ?

## „מלאך".

ניט גוט, ניט גוט, — איי, די באַהנען האָבען אונז די גאַנ־צע פּרנסה אַוועקגענומען. די פערד געלעגט אין דר'ערד אַרײַן, דעם וואָגען צובראָכען, קײנעם ניט גוט, — און ר' משה, אַלע, און שײַנ־דעלען, אַן'אַלמנה, — יאָ, האָט מיר די פאָטאָגראַפיע מיטגעשיקט (ער נעמט אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע אין אַ פּאַפּיער אײַנגעוויקעלט) ווײַזט איהם, זאָגט זי, אפשר וועט ער זיך נאָך דערמאָהנען אָן מיר, — נור, ער איז הײַנט אַ גרויסער פריץ, זאָגט זי. איי ניט גוט, קײנעם ניט גוט, דער וועג איז שלעכט, ווינטערדיג.

## זשאַק.

(בעטראַכט די פאָטאָגראַפיע)

איז דאָס שײַנדעלע? אַן'אַלטע יודענע געוואָרען, אַן'אַלטע יודע־נע (קוקט זיך אײַן שפּיגעל און בעטראַכט זיך) און איך האָב אַלץ געמײַנט, אַז זי איז נאָך אַ אַכטצעהן־יאָהריג מײדעל, ווי זי איז אין דערהײם גע־ווען, און נײַהט העמדער, און געהט יעדען שבת אין וואַלד שפּאַצירען. אַ שען מעדעלע געוועזען, אַ שען מײדעלע געוועזען, (ער דערמאָנט זיך, צו שלמה'ן) געדענקסט, שבת פאַרנאַכטען, ווען שײַנדעלע האָט זיך אוועק־געזעצט אין וואַלד הינטער'ן בוים מיט איהרע חבר'טאָרינס און האָט

געזונגען די ליעדער, אדער ביי חנה=שרה'לען אין גארטען, געדענקסט, שלמה, שבת נאכ'ן מיטאג, מיר האבען געטאנצט א וואלציער, און שיינדעלע האט אנגעפיהרט דעם טאנץ; אה, א שען מיידעלע. (ער דערמאהנט זיך עפעס און שמייכעלט. וויזענדיג אויף בלומה'ן) און די מוהמע בלומעלע האט געשריגען: שיינדעלע, שיינדעלע, אין שטוב אריין, אין שטוב אריין, אזוי שפעט וועסטו מיט די יונגען אומגעהן, און מיר האבען זיך בעהאלטען.

## „מלאך".

(מיט א בעהאלטענעם געלעכטער):

און ר' משה האט אונז געיאגט מיט'ן שטעקען.

## זשאק.

(מיט פרייד)

ר' משה האט אונז שטענדיג נאכגעיאגט מיט'ן שטעקען. איי די שטעקענס. (לאכען. ער דערמאנט זיך ווידער, און חאפט זיך צוריק) נא, נא, זארג דיך נישט, שלמה, עס וועט אלעס זיין אל=רייטה, נור ניט אין די שאפ געהען, נור נישט קיין אפאלעטער ווערען, די שאפ איז ווי א קבר, קוים פאלסט דו אריין אין איהר, ווערסטו פערפאלען אויף דיין לעבען לאנג; דו מוזט טהון ווי איך האב געטהון. איך וועל דיר געבען עפעס געלד, און קויף דיר איין א ביסעל סחורה, און פעדלע, ברודער, און פעדלע און זעה דיך ארויפצוארבייטען ווי איך האב געטהון; נור נישט אין די שאפ אריין, נור נישט קיין אפלעטער ווערען, ביזטו א פערפאלענער אויפ'ס לעבען לאנג. (עס קומט אריין מ. בענדעט, מען בעמערקט איהם נישט צוערשט, קלאפט מיט זיין שווערען שטעקען.)

## מ. בענדעט.

גוט מארגען.

זשאַק.

אַך, מ. בענדעט איז היער, דער מיסטער וועט עס אייך אויך זאָגען (ווייזט אויף די אַרומזיצענדע) דאָס זענען מיינע לאַנדס־לייט, מייניגע (אויף שלמה'ן) מיין פּאַרטנער פון דער היים, מיר האָבען אַמאָל ביי דעם אַלטען יוד מיט דער יודינע פערד געפּאַשעט. אַ גרויסער אָקסען־סוחר געוועזען.

(בענדעט מאַכט אַן'אוגצופריעדענע גרימאַסע).

זשאַק.

שאַדט נישט, היימישע מענשען, איך זאָג זיי, זיי זאָלען טהון, דאָס וואָס איך האָב געטהון; פון וואַנען בין איך אַ נגיד געוואָרען? אַמעריקאַ איז אַ אָפען לאַנד, אַז דו ווילסט קענסטו אַלעס. נור קאָפּ־יע דיך נישט איין אין די שאָפּ, פּעדלע, פּעדלע, און זעה דיך אַרויס־צואַרבייטען, ווי איך האָב געטהון...

(בענדעט מאַכט ווידער אַ גרימאַסע, די געזעלשאַפט קוקט מיט שרעק אויף בענדעט'ן, ווי וואונדערניג זיך מיט זייערע בליקען צו זשאַק'ן. דערמאָנענדיג זיך אָן עפּעס, האַקט אַב אין מיטען).

בענדעט.

(צו דער געזעלשאַפט)

איהר דאַרפט דאַנקען דעם הערן פאַר זיין וואָהלטהאַט. (ווייזענ־דיג אויף זשאַק'ן) דער מאַן איז איינער דער בעקאַנטסטען און איינפלוס־רייכסטען הערען פון דער געזעלשאַפט, און שפּריכט מיט אייך ווי מיט זיינס גלייכען, אָפען, און זאָגט איהנען אַלס. איהר זענט דעם הערן דאַנק שולדיג, גרויסען דאַנק, זעהר גרויסען דאַנק...

(די געזעלשאַפט ביים טיש ווערען פערווירט, קוקען מיט שרעק אויף זשאַק'ן)

זשאַק.

איי, זענען דאָך היימישע מענשען.

בענדעט.

מאַכט ניכטס, לאַנדס־לײַט, דאָס וואַר פאַר דרײַסיג יאָהרען, אין די יוגענד, אין די קינדהײַט האָבען וויר אַלע געהאַט פרײַנדע, אָבער הײַטע זײַנד זי מיסטער זשאַק לעװו, די גאַנצע וועלט קען זי, אײַנער דער פײַנסטען מיטגליעדער די געמײַנדע איזראַאילס אין דיעזער שטאָדט. זי מוזטען איהרען אָרט קענען, יאַוואָהל, זײַנד דעם הערין גרויסען דאַנק שולדיג, ווען ער שפּריכט זאָ מיט איהנען.

(די געזעלשאַפט קוקען זיך אָן ווי שולדיג, „מלאך" איז שוין גרײט צו אַנטלױפען, ער האָט זיך אויפגעשטעלט)

זשאַק.

(האַלב פערשעמט)

אײַ, זענען דאָך הײמישע מענשען.

בענדעט.

מאַכט ניכטס, מאַכט ניכטס, (צו דער געזעלשאַפט) יעצט ווערדען זי זאָ פרײַנדליך זײַן און אונז אַלײן לאָסען, וויר האָבען עפּעס צו בעשפּרעכען.

(ר' משה, בלומעלע, „מלאך" הויבען זיך אויף)

זשאַק.

זײַט אַזוי פרײַנדליך געהט אַבסטערס, דאָרט איז מײַן שוואָגער, איזאַאַק, מײַן פאַרטנער. (ער שרײַט אַרויף) איזאַאַק, גיעב ר' משה'ן מיט בלומעלען נײַע רעק פון אונזערע סטאָרס, און מלאכ'ן מאַך פאַר אַ אַמעריקאַנער, הערסט פאַר אַ גאַנצען אַמעריקאַנער, און בלומעלען לאָז ברענגען אַ העט, הערסט, אַ העט, (ער שיקט זיי אַרויף אַבסטערס) געהטס אַרויף, געהטס אַרויף, אויבען האָבען מיר אונזער סטאָר, איהר וועט זיך אויסטהון דעם „גרינעם" און אָנטהון זיך דעם „אַמעריקאַנער".

בענדעט.

(ווענדענדיג זיך צו דער געזעלשאַפט, וועלכע געהען אַרויף אַבסטערס,
און קוקען זיך מיט שרעק אום)

זעהען זי וואָס דער הערר טהוט פֿער איהנען, עס ווירד אין די צייטונגען קומען. דאַנקען זי דעם העררן, דאַנקען זי, זי זיינד דעם הערך גרויסען דאַנק שולדיג.

זשאַק.

איי, לאָזט געמאַך, היימישע מענשען. (צו דער געזעלשאַפט) געהט אַרויף, ר' משה, געהט, געהט.

ר' משה.

(צו די איבעריגע אַרויפגעהענדיג)

מוז אודאי אַ גרויסער פריץ זיין, ער בעווערט זיך אַזוי.

(געהען אַרויף)

בענדעט.

(זשאַק'ן)

זי מוזען דאָך שוין איהרען אָרט קענען, דאַרפען זיך דאָך נישט אוועקזעצען מיט ערשטע בעסטע און אַלעס צו ערצעהלען, זי דאַרפען דאָך נישט פערגעסען וואָס פאַר שריט זי געהען טהון, זי פערבינדען זיך מיט די פאַמיליע קעניגסשטיין, דעם קאַנטאָר קעניגשטיינ'ס שוועס-טער, זי הייראַטהען דאָס געבילדעטע מעדכען. זי דאַרפען שוין וויסען ווי זיך צו האַלטען, — וואָס דענקען זי?

זשאַק.

[נאָכדענקענדיג, נאָך אַ קליינער פויזע]

ווייסט איהר וואָס, מיסטער בענדעט, איך האָב מיר די זאַך איבער-געלאָזט, (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך האָב מורא, עס איז נישט פאַר מיר.

בענדעט.

וואס מיינען זי?

זשאק.

איך מיין דעם שידוך מיט דעם קאנטאָרס שוועסטער איז נישט פאַר מיר; זי איז אַ געבילדעטע, שפּיעלט פּיאַנאָ, איך, איך זאָג אייך אָפען, איך בין אַ גראָבער יונג, עס וועט זיי נישט גוט זיין מיט מיר און מיר מיט זיי, איך האָב מורא.

בענדעט.

און דאס זאָגען זי יעצט, ווען אַלעס שוין אַזוי נאָהע איז, וואס דענקען זי? דאס זאָלטען זי זיך דאָך פריהער איבערלעגען (האקט איבער) איבריגענס, האָבען זי רעכט, ווען זי האָבען נישט דעם מוט, טהון זי עס נישט. זי האָבען פּיליכט רעכט, זי זינד נישט פאַר דיזע פאמיליע (האקט איבער. פּויזע) נון, ווייל איך איהנען איינס נור פרעגען: ווען זי זענען געוועזען אַ אַפּרעטער, וואס וואָלטען זי געטהון, ווען זי העטען נישט דעם מוט געהאט, דעם ערשטען סטאָר צו עפענען, זי ווערדען נאָך אַפּרעטער ביז היינט צו טאָג — וואס?

זשאק.

(נאָכדענקענדיג)

יעס, דאס איז שוין וואָהר, ווען איך וואָלט נישט דעם מוט געהאט דעם ערשטען סטאָר צו עפענען, וואָלט איך נאָך בין היינטיגען טאָג געוועזען אין שאפּ, דאס האט זי עליה השלום אויך געזאָגט.

בענדעט.

זעהען זי, דער מענש מוז ניט זיין מוט פערלירען, מוז אימער

פארוועטם געהען, דאן קענען זי צו אלעם דערגרייכען. און ווארום דען נישט? זי זינד הייט צו טאגע איינער דער פראמינענסטען ביזנעססאן אין דאן=טאן. איהרע גאבע אויף דעם האספיטאל, דאס בעט, וואס זי האבען נאך איהר זעליגע פרוי פערשריבען, זינד איבעראל בעקאנט... מען קען זי איבעראל, ווארום זאלען זי דעם מוט נישט האבען דעם שריט צו מאכען? זי זאגען—זי זינד נישט געבילדעט,— וועל, ווער פון אונז איז יא געבילדעט נעבען מיסעס קעניגסשטיין, קיינער פון אונז איז נישט נעבען איהר געבילדעט, איהר פיאנא שפיעלען, איהר פראנצויזיש רעדען — איז אין קאטיטש געוועזן, אבער זי זינד אויך גאר נישט אזוי אונוויסענד. מיסעס קעניגסשטיין זאגטע צום קאנטאר, נאך אייער ערשטען בעזוך: „רודאלף, עס לאזט זיך מיט דעם העררן שען אונטערהאלטען". זעהען זי, נו, זעלבסטפערשטענדליך מוז מען זיך וויסען ווי צו האלטען, אזוי זיך אוועקצוזעצען מיט איהנ'ס לאנדס=לייט, און מיט דעם ערשטען בעסטען „גרינעם", וועלכער איז ערשט פון שיף אראבגעקומען און איהם אלעם צו פערצעהלען, אודאי איז עס נישט קיין האלטען, מיסעס קעניגסשטיין זאל נור דערפון ניכט געוואהר ווערען. זי ווילען אונטערשטיצען איהרע „לאנדס=לייט" — דאס פערשטעה איך, אבער מאכט מען דאס אין די עפענטליכקייט; מען שיקט א טשעק אין ארדען פיר עמיגריישען אריין, דאן קומט עס אין די צייטונגען, איהר נאמען איז געדרוקט, און די גאנצע וועלט ווייסט דערפון, אבער ביי איהנען, דא, אוועקצוזעצען זיך ביי איין טיש, און פערצעהלען זיין לעבענס=געשיכטע, שעמען זי זיך!

זשאק.

מיסטער בענדעט, לאז מיך אייך זאגען דעם אמת, מיין הארץ שרעקט זיך, איך האב מורא, איך קריך צו הויך. מיסטער בענדעט, איי וויל יא טעל האט איהר געזעהען דא דעם אלטען יוד ביים טיש מיט דער יודינע? — ביי זיי בין איך געוועזען א פערדס=יונג און אט דער יוד האט מיט מיר איינאיינעם די פערד אנגעטריבען, נישט קיין טאטען, נישט קיין

מאַמען גענהאַט, האָט מיך דער יוד צו זיך צוגענומען, האָט מיך געהאַל־
טען ביי זיך; אָט דאָס בין איך פון דער היים, נישט קיין צייט גע־
האַט לעזען זיך לערנען, שרייבען זיך לערנען: איך בין אַ גראָבער יונג,
מיסטער בענדעט.

בענדעט.

(האַקט איהם איבער):

איך פרעג אייך ניכט, ווער איהר זענט געווען אין דער היים, איך
קען אייך, ווער איהר זענט דאָ; קיינער זענען מיר ניכט געווען קיינע
פריצים, פאַר וואָהלטאָג קומט מען נישט אַראָב קיין אַמעריקאַ. נור ווער
דאַרפט אייך וויסען, ווער און וואָס איהר זענט געווען אין דער היים. אַלעס
איבערגעלאָזט אויף יענער זייט ים, דער ים וואַשט אַלעס אָב פון אונזע־
רע קעפּ, דאָ, ווערען מיר נייע געבוירען, דאָ זענט איהר מיסטער
זשאַק לעוו, איהר פערשטעהט וואָס דאָס איז? דרייסיג הייזער אין שטאָדט,
צוויי גרויסע סטאָרס, דער אַמעריקאַנער געהט פאַר דעם געוועזענעם גאָר
נישט. ער קוקט וואָס ער איז: (אין דער שטיל) איהר קענט ניכט לעזען
און שרייבען, נעהמט מען אַ לעהרער און מען לערנט זיך אוים; (העכער)
אַנדערע שרייבען און לעזען פאַר אייך און פערטענדען אייערע ביזנעס
און זענען נישט ווערט, וואָס איין שטויב מעבעל פון אייער הויז איז ווערט.
און איהר פערצעהלט מיר אַלעס וואָס איז געווען מיט אייך, שען וואָלט
איהר אויסגעזעהען, ווען איהר וואָלט אַזוי געקוקט פון אָנהויב אָן, האָט
איהר אויך געדאַרפט ווערען אַ פוהרמאַן, ווייל איהר זענט געווען אין דער
היים אַ פוהרמאַן.

(אַ לענגערע פויזע)

(זשאַק דרעהט זיך איבער דעם אָפּים אַרום און קלערט נאָך)

בענדעט.

(נאָך אַ קליינער ווײַלע)

עס איז שוין צייט, איהר זאָלט אייך די נאַרישקייטען פון קאָפּ

אַרויסשלאָגנען (פויזע) איך האָב אייגענטליך באַלד שוין פערגעסען צו וואָס איך בין געקומען. וועל, מיסעס קעניגסשטיין, וויל אָווענדס מיט אייך אין אָפּערא געהן, טאַטריצינ׳ זינגט היינט, האָט איהר נישט אַ בריעף ערהאַלטען? זי האָט אייך געשריבען.

זשאַק.

יעס, (נעהמט איתם אַרויס פון בוזעם-קעשענע) כ׳האָב איהם נאָך נישט געלעזען.

בענדעט.

האָט נישט קיין מורא, איהר וועט שוין ווערען געבילדעט. דער וואָס קומט נור אפילו אין ווייטע בעריהרונג מיט מיסעס קעניגסשטיין, מיט די פאַמיליע קעניגסשטיין, ווערט געבילדעט, (ער פערוואַרפט דעם קאָפּ קאָקעטיש) זאָל איך שוין אַזאַ יאָהר האָבען, וואָס פאַר אַ הויז עס וועט ביי אייך זיין נאָך דער האָכצייט מיט מיסעס קעניגסשטיין, אימער מוזיק, עמפּפאַנגס-אָווענדע, די בלום דער געזעלשאַפט וועט דאָ פערקעהרען, זי וועט איהנען איין הויז אַבריכטען, עס ווירד דאָס פּראָמינענטסטע הויז ווע-רען, דער ראַוורענט פון טעמפּעל וועט פערקעהרען, ערצטע, לויר׳ס סאַ-מע, ווי עס פּאַסט איהנען נאָך איהר פערמעגענס; פאַרלאַכטען זי נישט, אין אַזעלכער געזעלשאַפט ווערט מען שוין געבילדעט, אין בעריהרונג מיט אַזעלכע פּראָמינענטע הערען—דאָס בילדעט אויס; נור מוט, נישט דעם קאָפּ פערליערען, זאָגען זי זיך, זי זינד זשאַק לעווי, זי זינד ווערט. נו, מאַכען זי עס שנעלער, האָבען זי דאָ עטוואָס אַנשטענדיגעס אָנצוציהען: פראַק, צילינדער-הוט, מיסעס קעניגסשטיין וועט וואַרטען אויף אונז, ווי ווערדען פריהער דינירען אין אַסטער האָטעל.

זשאַק.

(נעהמט אַרויס דעם פראַק מיט׳ן צילינדער פון שאַנק און זאָגט צו זיך)

איי, דאָס האַרץ לאָזט מיך נישט, איי דאָס האַרץ זאָגט מיר נישט

גוטעס אָן (ער ווײַזט דעם פראק בענדעט'ן).

בענדעט.

(בעטראַכט עס)

אָל רײַט, אין ווײַסע זײַדענע װעסטע דערצו,—מיסעס קעניגסשטײַן וועט זײַן אין באַל=קלײַד, פראַמינענטע פאָרשטעלונג.

זשאַק.

(נעהמט אַרויס די ווײַסע וועסט און ווײַזט זי בענדעט'ן, — זאָגט צו זיך)

אײַ, דאָס האַרץ זאָגט מיר — שטופּ דיך נישט, קריך נישט, עס איז נישט דײַן אָרט.

בענדעט.

(בעטראַכט עס)

וועל, וועל,—דאָס איז אָל רײַט, טועפען גאָרס, — פּערל קנעפּ

זשאַק.

יעס, טועפען גאָרס, פּערל=קנעפּ,— דאָס האַרץ הײַסט נישט, דאָס האַרץ זאָגט נישט גוטעס אָן.

אײזאַאַק.

קומט אַראָב אַבסטערס, אויף די טרעפּ האָט ער שוין בעמערקט, ווי זשאַק ווײַזט בענדעט'ן די זאַכען, שמײכעלט איראָניש, זשאַק בעמערקט איתם צום סוף, ווערט פערשעמט, ער האַלט דעם צילינדער מיט די וועסט, און ווייסט נישט וואָס צו טהון.

(אַ פּײַנליכע פּויזע)

איזאַאק.

(וואַרפט אַ בליק אויף בענדעט'ן)

וואו אהין געהסט דו דאָס, אין פראַק, אין צילינדער-הוט?

זשאַק.

אַ, דו ביזט עס, איזאַאַק, (אין פערלעגענהייט) קענסט נישט מיסטער בענדעט, מיין שוואָגער, מיין פאַרטנער.

איזאַאַק.

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, בעטראַכט אמאָל בענדעט'ן אמאָל זשאַק'ן)

איך ניו, איך ניו, (שטילע פויזע. ער געהט צו און נעהמט דעם צילינדער-הוט אין האַנד אריין, און קוקט אויף זשאַק'ן).

זשאַק.

(פיינליך)

וואָס שמייכעלסטו?

איזאַאַק.

גאָרנישט, גאָרנישט.

(ווידער אַ פיינליכע פויזע)

זשאַק.

(פערלעגען)

איך געה מיט מיסטער בענדעט אין די אָפּערא אריין, מען זינגט דאָרט, אַ גרויסער זינגער, ווי הייסט ער?

בענדעט.

(וועלכער האט די גאנצע צייט זיך געהאלטען צוריקגעצויגען, פעררייבט זשאק'ן)

א זינגערין, טאטריצינא.

זשאק.

טאטריצינא.

איזאאק.

איי ניו, איי ניו... טאטריצינא.

(זשאק, פרובט זיך איבערצוטהון, ווארפט אויף זיך מיט פערדרוס ארויף די וועסט און פראק. הינטער איזאאק איראניש שמייכעל, רעדט קייןווארט נישט, נור קוקט אויף איהם. פון אבסטערם קומען אראב ר' משה און בלומעלע, אמעריקאניש אנגעטהון. בלומעלע אין א בריי-טען העט, ר' משה אין א קורצען ראק, אין א קאפעלוש, הינטער זיי „מלאך" אין א שרעקליכען אמעריקאנישען אנצוג מיט קאנטען. די מלבושים קליידען זיי נישט, נישט צו דער מאס, ארויסגעווארפען, זע-הען אוים ווי פערשטעלטע.)

ר' משה.

(געהענדיג פאראוים, ווערט פערלוירען אין די ברייטע הויז.)

וואס אמעריקא מאכט, נא דיר, בין איך גאר מיט מיין אלטער אויף דער עלטער גאנצע דייטשען געווארען

איזאאק.

(קוקט אויף זשאק'ן, ענטפערט ר' משה'ן)

נישט איהר בלויז, נישט איהר בלויז, ער (ווייזט אויף זשאק'ן) אויך.

(זשאק לאזט פאלען דעם קאפ.)

די פארהאנג פאלט אין דער פיינליכער פויזע.

# צווייטער אקט.

אַ גרויסער צימער אין זשאַקס וואוינונג. פּראָסטע בעל-הבית'ישע, אָבער שטאַרקע מעבעל-שטיקער. צוויי יודישע ברייטע שרענק, געזונטער דעמבאָווער טיש, אַלעס אין שטוב איז איינגעאָרדענט מאַסיוו. איבערן צימער הערט זיך זשאַק אין ראָק און בעפעהלט די דיענסט, וועלכע האַלט אַ בוקעט בלומען אין האַנד, אַז זי זאָל עס אַוועקשטעלען אויף אַ שראַנק. קוקט און בעטראַכט, אויב עס איז גוט. עס געפעהלט איהם נישט, נעהמט דעם בוקעט אַראָב און שטעלט איהם אַוועק אויפ'ן טיש; בעטראַכט, שלאָגט זיך אין דער דעה, אויב עס איז גוט. חאַפּט ווידער די בלומען אין האַנד, די דיענסט ברענגט אַריין דאָס זילבערן געפעס, לעגט עס אַוועק אויף אַ פּאַרצעלאַן-טישעל. זשאַק רופט צו איהר: אַלעס, אַלעס. די דיענסט ברענגט, נאָך איין שיט אויס (די דיענסט אָב) ער צושאַרט עס, אַז עס זאָל מעהר אויסזעהן און קוקט זיך דערנאָך אום, אויב עס זעהט לייטיש אויס. דורכגעהענדיג פאַלט זיין בליק אויף דעם פּאָרטרעט פון זיין געשטאָרבען ווייב; שטעלט זיך אָב דערפאַר מיט די בלומען אין דער האַנד, פערגעסט זיך פון אַלעס, מאַכט אַ שמערצליכע גרימאַסע, קוקט זיך אום, אויב קיינער הערט נישט, טרעט אַ טראָט נעהנטער צו דער פאָטאָגראַפיע, רעדט צו איהר, ווי צו אַ לעבעדיגען מענשען: דבורה, דבורה, זיי מיר מוהל (קוקט זיך ערשראָקען אום, בייסט די נעגעל) און וואָס קען איך טהון? איך האָב נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט שטאַרבען, מיר וואָלטען נאָך היינט געלעבט אין פריידען, חאָטש קיין קינדער, איך האָב קיינעם נישט בעדאַרפט, און וואָס זאָל איך טהון? איך בין דאָך נאָך אַ יונגערמאַן. דבורה, (ער דערשרעקט זיך און קוקט זיך מיט אימפּעט אום.) ווער איז דאָרט צו אַלדי שוואַרץ-יאָהר? (צום בילד מיט אַ געוויסען געבייזער) איך האָב נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט שטאַרבען, און אַליין אַריין און אַרויס קאָן

איך ניט, און דאָ איז נישטאָ קיינער, וועמען איך זאָל אַ וואָרט פער־טרויען, דיין ברודער געהט אַרום מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ לאַנגער נאָז געהט ער אַרום אויף מיר, ווי איך וואָלט אַ מענש געהרג'עט און וואָס זאָל איך (ער קוקט זיך אום און דערזעהט זיין שוואָגער איזאַאַק, וועלכער שטעהט שוין אַ היבשע ווײַלע ביי דער שוועל פון טהיר און האָרכט זיך איין) יאָ, איזאַאַק, דו ביזט דאָ? איך האָב דיר גאָרנישט געזעהן.

### איזאַאַק.

(עקסטאַז)

**דו ביזט ביין, זעה איך, — וואָס האָסטו געשיקט נאָך מיר?**

### זשאַק.

איך האָב געשיקט נאָך דיר, איך האָב געשיקט נאָך דיר. (ער געהט נעהנטער צו צו איהם) זאָג, איזאַאַק (וויינענדיג, בעטענדיג), פאַר וואָס ביזטו אַזוי פערפרעמדט געוואָרען צו מיר? זאָג.

### איזאַאַק.

דו רעדסט דיך איין, איך בין נישט פרעמד געוואָרען צו דיר.

### זשאַק.

יאָ, איזאַאַק, דו שווייגסט, דו רעדסט נישט צו מיר, קוקסט מיך אָן פון דערווייטענס און שמייכעלסט (ווייכער). מיר זענען דאָך אינאיינעם צוואַנציג יאָהר געוועזען, איך מיין, דו ווייסט וואָס איך וויל, (אָפּען האַקט אַרויס) איך האָב דאָך נישט קיינעם אחוץ דיר, זיי אַזוי צו מיר ווי דו ביזט געווען, ווען זי עליה השלום האָט געלעבט, איך האָב דאָך דאָ קיינעם נישט, יו נאו.

איזאאק.

(אויפגערעגט)

וואס ווילסטו? וואס ווילסטו?

זשאק.

זי, איך מײן, יו נאו, פערבעט הײנט דא איהר פאמיליע, זײ וועלען קומען צום בעזוך, דער קאנטאר און איהר טאנטע, דו פערשטעהסט, ווענען זײ דא האבען בעזוך. האט זי אײנגעלאדענט די פאמיליע דא אהער צו מיר, דו ווײסט...

איזאאק.

וואס, ביזט שוין דען מיט איהר א חתן געווארען?

זשאק.

(פערשעמט)

יעס, עס האלט פאר דער חתונה.

איזאאק.

(ברומט)

הום, הום, — אזוי ווײט האלט עס שוין?

זשאק.

איהר פאמיליע וויל זיך בעקאנען מיט מײן פאמיליע, האט זי דא אײנגעלאדענט, עס הײסט, איך האב אײנגעלאדענט איהר פאמיליע צו מיר, צו בעזוך הײסט עס.

**איזאַק.**

(זיפצט)

און וואָס ווילסטו פון מיר?

**זשאַק.**

איך האָב דאָך קיינעם נישט פון מיין צד, איך מיין, איך בין דאָך אַליין.

**איזאַק.**

ייִלסטו, אַז איך זאָל דאָ אויך אַהער קומען? דאָ מיט זיי?

**זשאַק.**

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ)

נ' ניין, איך האָב דאָך קיינעם נישט.

**איזאַק.**

ביזט משוגע! איך מיט זיי? איך דאַנק דיר, כ'האָב מורא, איך וועל זיך ניט קאָנען בענעהמען צווישען דייטשען; דו האָסט דיך שוין אויסגעלערנט.

**זשאַק.**

פאַרוואָס ווילסטו נישט קומען? דיר געפעלט נישט, וואָס איך געה חתונה האָבען?

**איזאַק.**

ניין, ניט דאָס...

זשאַק.

נור וואָס דען?

אײזאַאַק.

מיר געפעלט דער שידוך נישט, עס איז נישט קיין שידוך פאַר דיר, דו פערדרעהסט זיך אַ קאָפּ, זיי וועט נישט גוט זיין מיט דיר און דיר — מיט זיי.

זשאַק.

אַזוי מיינסטו?

אײזאַאַק.

עס זענען נישט אונזערע לײַט, מיר זענען פראָסטע מענשען, מיר זענען געוואוהנט צו היימישע מענשען, האָבען אינאיינעם געאַרבייט. איך, דו, מיין שוועסטער, עליה־השלום, מיר האָבען דאָס אַלעס צוזאַמען געבּרענגט, מיר זענען פראָסטע מענשען. דאָס איז ניט אונזערס אַ מענש, וועסט דיך צווישען זיי פיהלען פרעמד. עס וועט דיר נישט גוט זיין, מיט זיי; אונז אַלע מיט זיי, און זיי מיט אונז אויך נישט; עס זענען נישט אונזערע לײַט, מיר זענען פראָסטע מענשען, פראָסטע מענשען..

זשאַק

אָבער לאָז דיר אַ גוט יאָהר, וואָס רעדסטו, דאָס זענען דײַטשען, פיינע מענשען, איידעלקייט... פראָמינענט. זייער בעהאַנדלונג, זייער בענעהמונג, אַז דו שטעהסט, עפענסט אויף דאָס מויל און ווייסט נישט וואָס צו ריידען. אַז די מיס קעניגסשטיין געהט צו צו מיר און לערנט מיך און זאָגט מיר, ווי איך זאָל מיך האַלטען, און ווייזט מיר (ער מאַכט

אַ גראַציעזע בעוועגונג, עס געלינגט איהם נישט) און נעהמט מיך בײַם לאַץ אַן און זאָגט מיר עפּיס, דאַכט זיך דיר, אַז דו מיט דײַנע הײַזער, מיט דײַנע סטאָרס, מיט דײַן גאַנץ פערמעגענס, ביזטו אַ גאַרנישט נעגען איהר. אַזא רעדען, אַזאַ בענעהמען, אַז דו לאָזט דעם קאָפּ אַראָב, און ווערסט פערשעמט; דאָס זענען פײַנע, אײַדעלע, אַריסטאָקראַטישע מענשען.

## איזאַאַק.

אַזוי, אַזוי, איז דאָס אַלעס! אָ וואָ, אָ וואָ!

## זשאַק.

וואָס רעדסטו, דאָקטוירים, לויר'ס סאַמע, זאָלסט זעהען אַ הויז און דער קאַנטאָר, ווי מען רעדט פון מוזיק, און נאָך, און דאָ איז אַזוי פיעל ליכט דאָ, (זשאַק ווײַזט מיט דער האַנד) און דאָ אויבען זיצט דער קאָנ־טאָר און דאָ אַרום די גאַנצע געזעלשאַפט און מען רעדט, איך זאָג דיר דעם אמת, מעגסט לאַכען, איך בין דאָך עפּיס אַ מענש אַ ביזנעס־מאַן, און בײַ זײַ, ווערסטו ווי אַ קלײַנער בוי, און אַז די מים דערנעהנט זיך, דאַכט זיך דיר, אַז דו ביזט דער פערדס־יונג פון דער הײַם נעבען איהר. דאָס זענען אײַדעלע מענשען, אַריסטאָקראַטען. מיר זענען נעגען זײַ פערדס־יונגען, גראָבע יונגען, יעס, יעס.

## איזאַאַק.

נו, נו, מען דאַרף דיך פון דײַן משוגעת אויסצוהײַלען. איך האָב עפּעס פאַר דיר, וואָס וועט דיך פון דײַן קרענק אויסהײַלען.

זשאַק.

וואָס אזעלכעס?

איזאַאַק.

דאָס וועסטו שפּעטער געוואָהר ווערען (עס הערט זיך קלינגען). נאַ, דיינע דייטשען קומען אודאי אָן צו געהן, (זשאַק ווערט אונרוהיג, מאַכט עפּעס מיט די אויגען אַראָב, וויל זיך אַרויסוואַרפען.)

זשאַק.

עקסטאַז, (וויל אַב אין צווייטען צימער.)

איזאַאַק.

(שרייט נאָך)

אין פּראַק, אין פּראַק, (ער דערמאָהנט זיך אָן עפּעס) קום נאָר אַהער.
זשאַק געהט צו.

זשאַק.

וואָס איז? (איזאַאַק נעהמט אַראָב דער שוועסטערס פאָטאָגראַפיע וואָס הענגט אויף דער וואַנד, און גיט זי זשאַק'ן)

איזאַאַק.

נאַ טראָג דאָס מיט אַריין, לאָז זי נאָך נישט זעהען די דייטשען.
(אָב צו דער טהיר)

זשאַק.

(נעהמט די פאָטאָגראַפיע און נאָך א קליינע פּויזע פאַרענקען ווערט ער פערשוואונדען.)

איזאאק אבגעהענדיג עפענט אויף די טהיר, לאזט ארײַן.

עס קומען ארײַן דער קאנטאר קעניגסשטײן מיט זײַן שוועסטער מיסעס לואיזא קעניגסשטײן און בענדעט. דער קאנטאר איין עלטערער יודעל א נידריגער, קורצע דינע פיס, לאנגע ווײַסע לאקען, געשוירען ווײַס בערדעל, רעדט האלב דײַטש, אויסגעצויגען, מיט א הויל קול, ווי ער וואלט יעדעס מאל זײַן שטימע אבגעשטעלט; קוקט זיך פערוואונדערט ארום און ערווארט פון יעדען בליק פערוואונדערונג אויף זיך; אין צילינדער און שירם. זײַן שוועסטער די מיסעס קעניגסשטײן איז א הויכע פרײַלין; דאס געזיכט שוין עטוואס געעלטערט, דאך נאך גע-געווויסע שפורען פון יוגענד. די האהר פערקעמט הויך, אויפ'ן שטע-רען; זי טראגט טונקלען וויזיטען-קאסטיום מיט א ווײַס'ען קראגען, לאנגע הענד, מיט וועלכע זי פלעגט יעדעס מאל, מיט די דארע ווײַסע פינגער, געפוצטע נעגעל; דעם מויל פערשטעלען און קוקען אין א זײַט מיט חשד, דאס איז ווען קיינער זעהט נישט, זאנסט געגען יעדען איז זי ליעבענסווירדיג, מיט דעם בעקאנטען אויסגעלערענטען שמײכעלע אויף די ליפען, עס בעמערקט קיינער נישט, קוקט זי טרויעריג בײַז אויפ'ן קאנטאר, אבער אין געגענווארט פון אנדערע, רעדט זי צו איהם מיט א ביסעל איבערגעטריבענע ליעבע.

## קאנטאר.

גוטען טאג! (נעהמט נישט דעם צילינדער-הוט אראב, מיט'ן שירעם אין האנד, קוקט פערוואונדערט אויף בענדעט'ן, וועלכער לאזט איהם אן ווערטער ארײַן. קוקט מיט א דורכדרינגליכען בליק אויף די מיסעס קעניגסשטײן, ווארפט דאן א לעבעלן בליק אויף בענדעט'ן, וועלכער שמײכעלט צו איהם און גריסט איהם. איזאאק אבער געהט ארום אהן ווערטער. דער קאנטאר קוקט אן בענדעט'ן), ווער איז דאס?

## בענדעט.

זײַן פארטנער, געוועזענער... (די מיסעס ווינקט דאן צו בענדעט'ן, ווי עס

וואָלט געהייסען, אז ער זאָל איהם בערוהיגען, און אוועק זיך זעצען. בענדעט טהוט דאָס, רוקט אַרוים א שטוהל פאַר דעם קאַנטאָר, וועלכער נעהמט דעם צילינדער-הוט זעהר פאָרזיכטיג פון קאָפּ אַראָב, און גיט איהם איבער מיט דעם שירם בענדעט'ן. קוקט זיך אַרום).

קאַנטאָר.

וואו איז דאָס הערר לעווי, וויר האָבען דאָך אונזער וויזיט אָנגעזאָגט.

מיסעס קעניגסשטיין.

(עטוואָס פערדריסליך אין טאָן)

נאָר נישט אויפגערעגט, ווען איך ביטען דארף, ווירד וואַהרשיינליך באלד קומען.

(זי קוקט אָן בענדעט'ן)

בענדעט.

זאָגלייך קאַנטאָר, (געהט אריין אין צווייטען טהיר, נאָך מיסעס לעווי)

קאַנטאָר.

(קוקט זיך אום)

וואָס אַנבעטרעפט די איינריכטונג פון דעם מיסטער לעווים הויז נאַ, נאַ, אונד די טאַנטע ראָזאַליע איז אַזוי אויפפּאַסענד אונד דער אָנקעל, שוועסטער, דו מוזט, איך מיין, דער הער לעווי איז נישט אַזוי פאָרזיכטיג...

מיסעס קעניגסשטיין.

פאָר אָהנע קריטיקיזם, ווען איך ביטען דארף, און אַלעס איבעריגע לאָז אויף מיר, און וואָס אַנבעטרעפט די טאַנטע ראָזאַליע, זי ווירד היער... דאָס איז שוין מיינע זאַכע, איך ביטע דיך (דערזעהט דעם הערר

לעווי, וועלכער קומט אריין מיט בענדעט'ן. זשאק איז אנגעטהון אין א שרעקליכען
וויסען קראוואט מיט רויטע בלימעלעך אין שלום-ראק, האלט אויך א צילינדער אין דער
האנד, א ביסעל אונזיכער) אך מיסטער לעווי, גוטען טאג! זי האבען אונז
ווארשיינליך נישט ערווארטעט, (ליעבליך) און וויר האבען דאך דעם וויזיט
אנגזאגט. נו, ווי געהט עם איהנען? (זי געהט צו צו איהם, מיסטער לעווי
האלט זיך פון דערווייטענס, מיט שרעקענדען כבוד.) אך, וואס פיר איינע קראַ-
וואטע!

קאנטאר.

גוטען טאג, הערר לעווי! ווי געהט עם איהנען?

זשאק.

(שאקעלט מיט'ן קאפ, שטאמעלט)

גוטען טאג, גוט יאהר (גיט איהם די האנד)

בענדעט.

(זאגט צום קאנטאר)

דער הערר לעווי האט נאך געהאט איינינעם צו בעשטעלען, אז א
מענש איז אליין. (ער רעדט מיט'ן קאנטאר, ווייזענדיג אויף מיסטער לעווי)
(מ. לעווי און מיסעם קעניגסשטיין רעדען בעזאמען.)

מיסטער קעניגסשטיין.

(ליעבליך)

די קראוואטע געהט איהן נישט, זשאק, (שאקעלט מיט'ן קאפ) נו, נו.

זשאק.

(שמייכלענדיג מיט כבוד)

איך האב געמיינט, אז אין די קראוואטע, וועל איך... (ער ענדיגט

גישט דעם זאַץ)

### מ. קענינגסשטיין.

(מיט א ליעבליכען שמייכעל)

נו, נו, שוין גוט, וויר ווערדען איהנען איינע אנדערע אַנשאַפען. (ענדערט דעם טאָן) זי האָבען אונזערע פאַמיליע צו איהנען איינגעלאַדענט, די טאַנטע ראָזאַליע, דעם אָנקעל מאָריטץ, זי ווירדען וואַהרשיינליך באַלד קומען, נון, וואו האָבען זי זיך פאָרגעגרייט, איך בין פריהער געקומען, איך וויל איהן בעהילפיג זיין, זעהען אָבער זי האָבען אַלץ אין אָרדנונג, זי פערשטעהען, די טאַנטע, זענען אַזעלכע פראָמינענטע מענשען און זי קוקט זיך אויף אַלעם אַרום. אָבער עס זעהט פיין אוים. (זי דערזעהט דאָס אויסגעלעגטע זילבער.) צו וואָס האָבען זי דאָס זילבער דאָ אויסגעלעגט? דאָס קומט נישט דאָ אַהער, מיט זילבער דאַרף מען זיך נישט צו רעפּ־רעזענטירען, דאָס קומט אין דייניג רוים, צום עסען.

### זשאַק.

(שמייכעלט מיט כבוד)

איך האָב געמיינט זילבער — איך וועל אויסלעגען, עס וועט אַזוי שען זיין. (ער ווערט פערשעמט)

### מ. קענינגסשטיין.

טראָגען זי דאָס אין דייניג רוים אַריין. (זשאַק טראָגט דאָס זילבער אין דייניג רוים אַריין)

### דער קאַנטאָר.

(ביים טיש צו דער שוועסטער)

דו וועסט אַ שווערע אויפגאַבע האָבען, שוועסטער, אין דעם הויז

היער פערנונפט און שענהייט אריינצוברענגען.

מיסעס קעניגסשטיין.

(מאכט צו איהם מיט דער האנד)

וועט שוין גוט זיין (זי רופט צו זשאק'ן אין צווייטען צימער) קאן מאן מיטקומען, איך וויל דאס דייניג רוים זעהען (געהט ארײן אין דעם צווייטען צימער צו זשאק'ן)

דער קאנטאר.

(צו בענדעט'ן)

דער הערר לעווי ווירד עס דאך אמוועניגסטען וויסען ווי צו שעטצען, ווי צו אכטען — וואס?

בענדעט.

דער הערר לעווי לאזט זיך לערנען, ווייזען, ער איז אזוי דאנקבאר.

דער קאנטאר.

איך ווילם גלויבען, איך ווילם האפען.

מיסעס קעניגסשטיין.

(קומט צוריק אריין מיט זשאק'ן)

האט זשאק א פיינעם דייניג רוים, ברודער, די טאנטע ראזאליע ווירד עס זעהר געפעלען, יא, יא, (זי געהט מיט זשאק'ן איבער די ביהנע און רעדט מיט איהם, זעהר אינטים, נעהמט איהם אן פון צייט צו צייט ביים לאץ).
די טאנטע ראזאליע איז אזוי אויפפאסענד, אויף יעדעס ווארט, אויף יעדע בענעהמונג, און דער אנקעל אויך, זי זענען פראמינענטע מענשען.

(ליעבליך) זשאַק, זשאַק, (ווי מען זאָגט אַ קינד) זי מוזען אויפפאַסען (ליעבליך) זי זענען טיילמאָל אַזוי נישט פאַרזיכטיג מיט ווערטער, גאָט מיינער, טיר זענען דאָך צווישען אונז, קיינער הערט אונז נישט (מיט אַ שמייכעל). מאַכען זי אַ ליעבליכע מינע צו די הערשאַפטען, אָט אַזוי, (זי מאַכט אַ ליעבליכע מינע) וואָס אַרט עס איהן? ווען זאָגאַר מען וויל נישט — דאָס זענען קלייניגקייטען, אָבער פון גרויסער בעדייטונג, און איבער דעם וואָס וויר האָבען דעריבער געשפּראָכען, יעם? זי פערשטעהען דאָך (זי שמייכעלט צו איהם)?

זשאַק.

(שמייכעלט)

איי נוו. צווישען פראָמינענטע מענשען דאַרף מען זיך בענעהמען אויפפיהרען לייטיש פיין, (ער שטאַמעלט) יעס, איי נוו, איי נוו.

(מען קלינגט אין טהיר, זשאַק וויל געהן עפענען)

מיססעס קעניגסשטיין.

(האַלט איהם צוריק מיט אַ שמייכעל)

צו דיעזען איז דאָ אַ דינסט-מעדכען. (זי קלינגט, דאָס מערכען קומט אַריין) ביטע עפענען זי די טהיר, און מעלדען זי אונז פריהער וואָס פאַר אַ הערשאַפטען (דאָס כיירעל געהט עפענען די טהיר. צו זשאַק'ן ליעבליך) זעהסט דו, ליעבער, מען איז נישט פאַר יעדען אָנגעגרייט, וואָס וויל דיך זעהען, אַ וויזיט דאַרף מען פריהער אָנזאָגען, שרייבען אַ פּאָסטעל-קאַרט, און אַז מען קלינגט איז דאָ ווער עס זאָל עפענען. (דאָס מיידעל קומט אַריין, מעלדעט) אַ יודישע פרוי מיט איהר טאָכטער, לאַנדס-לייט, זאָגען זיי, זיי ווילען דעם הערן (זשאַק דויבט זיך אויף, וויל אַרויס, די מיס האַלט איהם צוריק מיט אַ בליק) ליעבער, זעהסטו, אַז מען האָט עטפאַנג, קען מען דאָך נישט צונעהמען קיין אַנדערע מענשען, דו פערשטעהסט דאָך אַליין.

## זשאַק.

יעס, יעס.

## מיסעס קעניגסשטיין.

(צום דיענסטמיידעל)

זאָגען זי דער פרוי, דאָס דער העָר עמפּפאַנגט אין זײַן אָפּיס, יעדען טאָג. זונטאָג גיעבּטס קײַן עמפּפאַנג, הײַט איז זונטאַג. (דאָס מײדעל אָב. זי זאָגט צו זשאַק׳ן ליעבּליך) מען מוז זי לערנען ווי אַ קלײַן קינד. זי, זי, ווי מיט אײַנעם קלײַנעם קינד מוז מען מיט איהנען אומגעהן. (מען קלינגט ווײַטער, דאָס מײדעל געהט אַרויס) יעצט מוז עס די טאַנטע זײַן. די הערשאַפט (צו זשאַק׳ן). זי מוזען גאָר נישט אַזוי ערשרעקען. די טאַנטע איז נאָרנישט אַזוי פורכטבּאַר, ווי זי שטעלען זיך פאָר, זי איז נאָר עטוואָס צו פּינקטליך, מוז מען וויסען, ווי מיט איהר אומצוגעהן. ליעבּענסווירדיג, ליעבּענסווירדיג, אַזוי (זשאַק מאַכט נאָך אַ ליעבּליכע מינע, די מיס שאָקעלט צו איהם מיט׳ן קאָפּ) יעס, יעס. (דאָס מײדעל מעלדעט הערשאַפטען. צו זשאַק׳ן) הערשאַפטען, דאָס זינד עפּעס אַנדערש. (געהט אַרויס צו זײ אין קאָרידאָר)

## דער קאַנטאָר.

(וועלכער איז די גאַנצע צײַט, ווען זשאַק מיט דער מיס האָבען גערעדט אין ווינקעל, געוואָרען אונטערגעהאַלטען פון בּענדעט׳ן, צו וועלכען די מיס קעניגסשטײַן האָט פון צײַט צו צײַט אַהינגעשיקט וואונקען, בּעגינט יעצט מיט זשאַק׳ן אַ געשפּרעך צו פיהרען, ווי זײ וואָלטען שוין פון פריהער בּעגינען)

זי בּעזוכען זעהר אָפט מיט מײַנע שוועסטער די אָפּעראַ, זי ליעבּען וואָהל מוזיק. אַך, אין מײַנע צײַטען, ווען איך האָב אַמאָל געזונגען—
(ער לאָזט אַרויס אַ הוב׳ישע שטימע) אח, אח, אח,
(פון קאָרידאָר ברענגט מען דאָס געשפּרעך אָב מיט רעשט, מיט לײַבּליכע געשפּרעכען אַך כאַטשע, אַך אָנקעל און העלענאַ איז דאָ).

### מיסעס קעניגסשטיין.

(רופט דורך די טהיר)

רודאָלף, דו הערסט, העלענאַ האָט אַ שענעם נייעם הוט, און טאַנטע זעהט זאָ גוט אויס!

(אָנקעל, טאַנטע מיט טאָכטער העלענאַ קומען אריין)

### אָנקעל סעם.

(קומט פריהער פאַר אַלע, צום קאַנטאָר)

וויר האָבען איינע גאַנצע שוהל פּאָלנישע יודען פאַר איער טהיר בעגעגענט. וואָס איז?

(ער איז אַ ריהרעווודיג יודעל, אַ דיקס מיט אַ דיק בייכעלע, רעדט שנעל. נאָך איהם קומט די טאַנטע ראָזאַליע מיט איהר טאָכטער, וועלכע ווערט בעגלייט פון מיס קעניגסשטיין — אויך ניעדריגע און רונדיגע און פולע. די טאָכטער שאָקעלט צו, די טאַנטע האַלט זיך צוריק, קוקט אויף אַלעם מיט חשד, שניפּט דאָס מיילעכעל און בלאָזט אָן אַ דאָפּעלטע גאָמבע, וואַרפט אַ בליק צו דער טאָכטער, די טאָכטער צו דער מאַמען און קוקען זיך ביידע אָן; אָדער סוד'ען זיך אין אויער. טראָגען ביידע ברייטע העט מיט שרעקליך פיעל קאָרשען אויף די העט)

### מיסעס קעניגסשטיין..

(וועלכע פיהרט די טאַנטע, רעדט צו איהר).

אַך, די טאַנטע האָט זיך עטוואָס געענדערט. אַך, ווי גליקליך איך בין! אין דעם הויז פון מיין ברוטיגאַם. זשאַק! (זשאַק, וועלכער האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט ביי דער מוהמעס אַריינקומען, האַלט די הענד איינע אין די אַנדערע, ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיי, אַמאָל גיט ער אַ בליק אויף בענדעט'ן בענדעט אויף איהם. ער לויפט צו, שטעהט האַלב ווי אין טומאַן, שמייכעלט, שמייכעלט). דאָס איז מיין ברוטיגאַם, טאַנטע (קוקט די טאַנטע דורך די פּענסנע

און ניקט מיט'ן קאפ. זי זאגט צו דער מיסעס) גאט זעגנע דיך מײַן קינד. (זי קושט איהר אויפ'ן שטערען. די מיסעס צו זשאק'ן) דאס איז די טאנטע ראזאליע, וועגען וועלכע איך האב דיר אזוי פיעל פערצעהלט. (זשאק שאקעלט צו מיט'ן קאפ, שמייכעלט.)

## דער קאנטאר.

(צו אנקעל מאריץ, אויף זשאק'ן)

מײַן צוקינפטיגער שוואגער, מיסטער זשאק לעווי, ביזנעס־מאַן און אייגענטהומער פון רעאלע סטערס.

## אנקעל.

וויר וויסען, וויר וויסען, וויר האבענס געהערט, וויר האבענס געהערט (צום ווײַב). ראזאליא, ווי לאנגע ווארען וויר שוין נישט אין יודישען קווארטאל, איך האבס באלד פערגעסען ווי עס זעהט אויס.

## מיסעס קעניגסשטיין.

מײַן ברוטיגאם האט היער געשעפטען, ער מוז לײַדער וואוינען אין דאן־טאן.

## בענדעט.

ער וועט שוין וואהנען... ער וועט שוין וואהנען (צום אנקעל ווײַזענדיג אויף די מיס קעניגסשטיין) ער וועט שוין וואהנען. (זעצען זיך אלע בײַם טיש, די טאנטע אינאײַנעם מיט דער טאכטער. א מינוט א שטילע פויזע. די מיס זיצט נעבען זשאק'ן און מאכט איהם יעדעס מאל א בעמערקונג מיט א האנד־בעוועגונג און דעסגלײַכען).

### אָנקעל.

איבער וואָס שפּריכט איהר דאָ אײַגענטליך?

### קאַנטאָר.

איך ערצעהלע דעם מיסטער לעווי פון מײַנע ערפאָלגען אין דער יוגענד. מיסטער לעווי בעזוכט אָפט די אָפּעראַ, (צום אָנקעל) דו ערי־נערסט דאָך וואויל מײַן ערשטען אויפטריט אין דעם טעמפּעל, ווען די לײַטע זענען געשטאַנען איבער'ם קאָפּ, און די גאַנצע וועלט, יאַ, יאַ, מיסטער לעווי, זי זאָלטען מיך דאַן הערען ווען מײַנע שטימע וואר נאָך בײַ איהר פולע קראַפט, (צום אַרומיגען עולם) דער הערר לעווי קען זיך אויף מוזיק, ער בעזוכט די טעאַטערס אָפט מיט לואיזאַ, הערטע זיך די סטאַרם אַן.

### מיסעס קעניגסשטיין.

(צו דער טאַנטע אויף זשאַק'ן)

אַך, אַ אײַפריגעם אָפּערן־בעזוכער, לאָז קיין איין פראָמינענטען זינגער אָדער זינגערין נישט אַדורך. פריה־מאָרגענס ווען איך ערוואַך, איך פינדע שוין די טעאַטער־טיקעטס, אַהאַ, זשאַק האָט שוין טיקעטס געשיקט. איך בין שוין גאַנץ מידע פון די טעאַטערע, (צו דער טאַנטע אויף זשאַק'ן) טאַנטע האָט וואויל אַזעלכען אײַפריגען טעאַטער־בעזוכער נישט געזעהען (צו לעווי) אַך, זי האָבען מיך שוין גאַנץ מידע געמאַכט.

(זשאַק קוקט זי אָן פערוואונדערט, ווי וויזענדיג אויף זיך).

### טאַנטע.

(צו זשאַק'ן)

דאָס איז שען, זי זינד וואָהל מוזיקאַליש, דאָס איז שען.

(זשאַק קוקט זי אָן פערוואונדערט).

## אָנקעל.

(קלאַפּט זשאַק'ן אויף די פּלייצעס)

זאָ, זאָ, זינד זי אזא טעאַטערפּראָפעסער, נו, ווי געפעלט איהנען אונזערע ניו־יאָרקערס סטאַרס, און די גאַנצע וועלט האָט עס נישט קאַראַזע — וואָס? וואָס איז איהרער אַנזיכט איבער אונזערע סטאַרס?

## זשאַק.

(ווייל עפּעס ענטפערן, קוקט אַן די מיסעס מיט א געלעכטעריל, צום אָנקעל)

מיט אַן׳אמת צו זאָגען, איך קען מיך נישט דערויף, זינגען איז נישט מיינע ביזנעס.

(עס ווערט א מינוט שטיל. די טאַנטע נייגט זיך צו דער טאָכטער, וויל איהר עפּעס איינרוימען).

## בענדעט.

נאָ, נאָ, וויר קענען זיך שוין, מיסטער לעווי, די הער־זאַפטען קענען זי נור בלויז איינרעדען, דאָס זי קענען זיך נישט אויף מוזיק, נישט מיר, איך קען איהנען דאָך שוין פון לאַנג,—זי דאַרפען זיך גאַרנישט צו שעהמען דערמיט; אַלע פיינע לייטע ליעבען מוזיק, (צו דעם עולם) ווי דער מאַכט זיך דאָ קליין?

## מיסעס קעניגסשטיין.

(צום אָנקעל)

אַך, דער שווירמט פיר די טעאַטריצינא, ער האָט אזעלכעס גע־פאַלגען אין איהר, (צו דער טאַנטע) טאַנטע גלויבט יעדעס מאָל, ווען די טעאַטריצינא זינגט, ער ווערט אזוי בעגייסטערט פון איהר שטימע, (צו זשאַק'ן) איך בין גאַרנישט איינפערשטאַנדען מיט דיר, זשאַק; איך ווער גאַרנישט אזוי בעגייסטערט פון די טעאַטריצינא, ווי איהר מענער.

## אָנקעל.

(מיט אַ גלעזעל טעריל)

ביזט דוך וואָהל נישט איבערזיכטיג, לואיזא. (ער האַקט איבער) ניין, (ער קוקט זיך אום) וויר גלויבטען היער מיט די פאַמיליע לעווי זיך צו בעקענען, איזט ניעמאַנד פון דער פאַמיליע דיינעם ברויטיגאַם, היער, לואיזא?

## טאַנטע.

(צו זשאַק'ן)

האָבען זי נאָך פאָטער, מוטער? האָבען זי היער פערוואַנדטע?

## זשאַק.

מיין פאָטער-מוטער זענען פריה געשטאָרבען, איך האָב זיי נישט געקענט, איך האָב זיך ביי אַ ווייטען פעטער אויפגעצויגען, אַ היימישען מענשען, (ער האַקט אָב אין מיטען)

(פויזע. דער קאַנטאָר קוקט זיך איבער מיט דער שוועסטער — די טאַנטע סוד'עט זיך מיט דער טאָכטער).

## בענדעט.

וואָס פערצעהלט ער דאָ פיר אַ געשיכטען, (ער ווייזט אויף זשאַק'ן) ער האָט אַ פאָטער אַ רב געהאַט, זיינע לאַנדס-לייט פערצעהלען עס, אַ ערציהונג. זיינע גאַנץ פאַמיליע זענען בלויז גרויסע קויפלייטע, פראָמינענטע מענשען. מען קען זי, איינע פון די פיינסטע פאַמיליען ביי די יודען אין פוילען. האָבען נישט געוואָלט מיט אַראָבקומען קיין אַמעריקאַ, זי זענען פרום, די גאַנצע פאַמיליע. (זשאַק גלאָצט אויס אויף איהם אַ פּאָר אויגען, בענדעט ווינקט צו איהם) זי דאַרפען זיך גאָרנישט שעמען אַזוי דערמיט; דאָס איז יחוס ביי יודען. מען ווייס עס גאַנץ גוט, עס לאָזט זיך הערען.

עס לאָזט זיך הערען.

מיטעס קעניגסשטיין.

טאנטע ווייסט וואהל נישט, ווי שטרענג אָרטאָדאָקסיש מיין ברוי־גאם איז, — אַך, דער האָט אַזעלכע שטרענגע אָרטאָדאָקסישע ערציהונג בעקומען, איך ווייס גאָרנישט, ווי איך וועל מיט איהם אויסקומען.

טאנטע.

(קוקט אויף זשאק'ן מיט בעדויערען)

זינד זי אַלליין הער, אָהנע פאמיליע, דאָס איז טרויעריג.

זשאק.

ווען זי, עליה־השלום, מיין געשטאָרבען ווייב, מיין איך, האָט גע־לעבט, האָב איך געהאַט איהם מיין שוואָגער, מיין פּאַרטנער; נור צייט... (ער האַקט אָב) עס איז צו מיר אַראָבגעקומען מיינס אַנ'אַלטער פעטער מיט אַ מוהמע, ביי וועלכע איך האָב זיך אויפגעצויגען; זענען פּראַסטע היימישע מענשען, איך האָב קיינעם נישט מעהר הינ, נור זיי.

(ביים טיש ווערט זעהר שטיל, דער קאנטאָר קוקט זיך אַריבער מיט די שוועסטער, דער אָנקעל קלאַפּט מיט די פינגער אויפ'ן טיש, די טאַנ־טע סוד'עט זיך מיט דער טאָכטער. בענדעט ווינקט צו איהם, קוקט זשאק'ן שטרענג אָן דורך די צייט ווען ער רעדט. זשאק בעמערקט נישט, און רעדט ווייטער).

ר' משה, בלומעלע.

(שטעקען אַריין די קעפּ דורך די טהיר פון דיינינג רוים)

איז יעקב'ל נישטאָ?

בענדעט.

(וועלכער האָט זיי באַלד בעמערקט, לויפט שנעל צו צו דער טהיר, פערשטעלט זיי. צו ר' משה'ן און צו בלומעלע'ן אין דער שטיל, הינטען אַרום).

דער מיסטער לעווי איז נישטאָ, נעהמט יעצט נישט אָן.

ר' משה, בלומעלע.

(שטעקען אַרויס די קעפּ פון הינטער בענדעט'ס פּאָלעס).

איז יעקב'ל נישטאָ?

מיסעס קעניגסשטיין.

(בעמערקט זיי, ליעבליך)

דער הערר לעווי עמפּפאַנגט נישט יעצט, זי ווערדען זאָ פריינדליך זיין. בעגעבען זיך אין אָפיס, גוטע לייטע.

ר' משה, בלומעלע.

(קוקען זיך ביידע אָן, ווילען אַוועק)

מיר האָבען נור געוואָלט...

(זשאַק דערזעהט זיי, הויבט זיך אויף. די מיסעס קעניגסשטיין קוקט איהם שטרענג אָן, בענדעט ווינקט צו איהם, די געזעלשאַפט ביים טיש ווערט פערוואונדערט).

זשאַק.

אָ, עס זענען דאָך מיינע מענשען! וואָס ווילט איהר, בלומעלע? (ער געהט צו צו זיי).

מיסעס קעניגסשטיין.

(בײַם טיש, צו דער טאַנטע אין ווינקעל וועלכע קוקט זי פערוואונדערט אָן, הויך)

מײַן ברױטיגאַם [זי װײַזט אויף זשאַק'ן] האָט די געוואָהנהײַט די אָרימע לײַט אַלײַן געשענקט און געלד אויסצוטהײַלען און בײַ זיך אין צימער.

דער קאַנטאָר.

ער איז עס וואהרשײַנליך פון צו הויזע געוואָהנט.

בענדעט.

(הויך)

ער האָט בײַ זײַן פאָטער, דעם ראַבינער, וואהרשײַנליך אַזוי גע־לערענט.

מיסעס קעניגסשטיין.

(רעדט אַהין פון טיש צו זשאַק'ן)

זשאַק, וואָלסטו דען נישט די אָרימע לײַטע אײַן אַנדערס מאָל עמפפאַנגען?

זשאַק.

(ווערט פערשעמט פאַר ר' משה'ן. ער שרײַט אויף מיט אַ ווילד קול)

וואָס? די אָרימע לײַט? (ער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ פערשעמט פאַר ר' משה'ן און בלומעלען).

ר' משה.

(צו בלומעלען)

קום בלומעלע, קום.

בלומעלע.

מיר בעטען איבער טויזענד מאָל, מיר וועלען אַנ'אַנדערס מאָל קומען, מיר האָבען נור געוואָלט. שײנדעלע מיט איהר טאָכטער, דאָס כלה-מײדעל, שטעהט פאַר די טהיר.

זשאַק.

(חאַפּט זיך אויף פערוואונדערט)

שײנדעלע, אונזער שײנדעלע מיט דעם מײדעל?

בלומעלע.

יאָ, שטעהען פאַר דײן טהיר, מען האָט זײ נישט אַרײנגעלאָזט.

זשאַק.

נישט אַרײנגעלאָזט? (ער קוקט זיך אום, צום טיש) ווער האָט זײ נישט אַרײנגעלאָזט? (ער געהט אַרויס נאָך זײ).

מיסעס קעניגסשטײן.

(רופט איהם נאָך)

זשאַק! (זשאַק הערט נישט, געהט אַרויס. דער עולם ווערט שטיל בײם טיש אײנער קוקט אויפ'ן צווײטען פערוואונדערט. די מאַנטע סוד'עט זיך מיט דער טאָכטער)

בענדעט.

(ראַטעוועט די סיטואַציע)

אַזאַ נאַטור האָט ער שוין, דער מיסטער לעווי, האָט די אָרימע לײט אונטערגעשטיצט, זײ זענען איהם דאַנקען געקומען, ער שטיצט

פיעלע אונטער, ער מאַכט עס אין דער שטיל, זענען איהם דאנקען גע-קומען. (מיט אַ מינע צו ר' משה און בלומעלען, וועלכע זענען געבליבען שטעהן בײַ דער טהיר, ברוגז'דיג) נאַ, ווי געהט עס אייך דאָ אין אַמעריקאַ? איהר בעקומט וואויל געלד פון מיסטער לעווי, וואָס? (צו די ארומיגע בײַם טיש) ניט איהגען געלד.

## דער קאַנטאָר.

איינע שענע זיטע, איינע יודישע זיטע.

## טאַנטע.

ער האָט'ס בײַ זיין פאָטער דעם ראַבינער געלערנט, (צו דער טאָכ-טער) זעה, קינד.

(זשעק קומט אַרײַן, פיהרט אַרײַן שיינדלען מיט דעם מיידעל, נאָך זיי איזאַאַק און שלמה).

(שיינדעלע איז אַ ברייטע יודענע, און איהר געזיכט איז נאָך בעהאַל-טען שפּורען פון איהר אַמאָליגער שענקייט. די טאָכטער אַ אַכט-צעהן-יאָהריג יודיש מיידעל, הײַמיש געקליידט נאָך. ווערט רויט פאַר חרפּה, קוקט זיך פערוואונדערט אום, שעמעוודיג האַלט זיך צו-ריק. די געזעלשאַפט קוקט זי פערוואונדערט אָן).

## שיינדעלע.

(מיט אַ ברייטען טאָן)

וואָס מיינסטו, מיר זענען אַזעלכע קליינשטעטעלדיגע? האָטש מען האָט זיך אויפגעצויגען אין אַ קליין שטעדטעל, נור בײַ אונז ווייסט מען שוין אויך ווי מיט מענשען אומצוגעהן. אז מען הייסט נישט אַרײַנ-געהן מן הסתם קען מען נישט; זענען הערשאַפטען דאָ. (זי נייגט מיט'ן קאָפּ צו די אַרומיגע, דרייסט) גוטען טאָג, הערשאַפטען. (צו זשאַק'ן, וועלכער

שטעהט פערוואוגדערט, קוקט אַמאָל אויף די מוטער, אַמאָל אויף די טאָכטער) און ר׳ משה און בלומעלע זאָגען—געה אַהיים, שיינדעלע, ער איז מיט הערשאַפּ־טען, — און איך זאָג — ניין, איך וועל דאָ שטעהן; לאָז ער נור געוואָהר ווערען אַז שיינדעלע שטעהט פאַר זיין טהיר. וועט ער שוין אַרויסקומען, — זאָג איך, — מעג ער אפילו זיין מיט הערשאַפטען, וועט ער אַרויס־קומען, זאָג איך. איך וויים עס, אַלטע לייבע ראָסיעט נישט.

## זשאַק.

(וועלכער שטעהט און קוקט אַמאָל אויף דער מוטער, אַמאָל אויף דער טאָכטער, פערגעסט איין מינוט אָן די „הערשאַפטען" ביים טיש).

און איך שטעה און קוק, ווער איז שיינדעלע? דו אָדער דאָס מייד־על, זי (אויפ׳ן מיידעל) איז שיינדעלע, דו ביזט אַן׳אַלטע יודענע געוואָרען. (נעהמט אָן דאָס מיידעל ביי דער האַנד, וועלכע ווערט רויט, און לאָזט דעם קאָפּ אַראָב) שיינדעלע, זאָ העלף מיר גאָט ווי שיינדעלע, אַזוי ווי איך בין פון דער־היים אוועקגעפאָהרען.

## שיינדעלע.

איי, איי, די אייער זענען בעסער פאַר די היהנער. די מאַמע איז שוין אַן׳אַלטע יודענע געוואָרען, האָט די רויטע בעקלעך פערלוירען, (צו דער געזעלשאַפט) איי, די מאַנספערשוינען, ווי אונגעטרייע זיי זענען, קוים דערזעהען זיי אַ פּאָר רויטע בעקלעך, לאָזט מען שוין די מוטערס שטעהן.

(דער עולם ביים טיש קען זיך נישט פאַסען. קוקען אַלע פערוואונ־דערט זיך אָן, איינער אויפ׳ן צווייטען. בהנם מאַכט די מיסעס קע־ניגסשטיין פערשיעדענע צייכען צו זשאַק׳ן, ווינקט צו איהם. מיסטער בענדעט קוקט איהם אָן, איז איינינגע מאָל צוגעגאַנגען צו איהם, — מיסטער לעווי! — זשאַק, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געהערט, נישט

געזעהן איז איינגעגנצען פערנומען מיט שיינדלען און דער טאָכטער.
בענדעט רעדט אלץ צום טיש, צום קאַנטאָר, צום אָנקעל, ביי וועלכע
עס פיהלט זיך א גערוועזיטעט).

## בענדעט.

אזוי איז ער שטענדיג, אַזוי פּראָסט, אַזוי איינפאַך, מיט אַלע איז ער היימיש, חאָטש ער איז מיסטער לעווי; ער האַלט זיך נישט הויך, געהט מיט יעדען אום ווי מיט זיינס אַ גלייכען. זעהען זי, ער וועט זיי נאָך בעטען צום טיש, זעהען זי, ער בעט זיי, (ער געהט צו צו זשאַק'ן) זי מיסטער לעווי, די געזעלשאַפט!

## זשאַק.

(וועלכער האַלט אלץ אין בעטראַכטען דאָס מיידעל, נעהמט איהר די
צעפּ אין דער האַנד אריין).

אין די צעפּ די מאַמע, אַזוי פערקעמט די מאַמע (דאָס מיידעל שעמט זיך, האַלט די אויגען צו דר'ערד) און דער בליק דער מאַמעס. און איך האָב אַלץ געמיינט, אַז שיינדעלע איז אַ אַכטצעהן־יאָהריג מיידעל. אַך, איך האָב גאָר פערגעסען, דאָס זענען מיינע לאַנדס־לייט, מיין משפחה, מיין פעטער, מיין מוהמע. אַה, איזאַאק! (ער דערזעהט איהם אין אַ ווינקעל, פערקלערט זיך אַ מינוט פערשעמט, לאָזט דעם קאָפּ אַראָב, פאַסט זיך ווייטער). דאָס איז מיין כלה, מיסעס קעניגסשטיין, (איזאַאק ניקסט אין קאָפּ) און זעה, און שלמה איז דאָ, (צו דער געזעלשאַפט) מיינע אייגענע, (צו שיינדלען) ביזט געשטאַנען הינטער דער טהיר און מען האָט דיך נישט אריינגעלאָזט, אָווא, אָווא. (צו די מיס קעניגסשטיין וויזענדיג אויף שיינדעל'ן) זי איז אויך אַמאָל מיינס אַ כלה געווען (דער קאַנטאָר שפּרינגט אויף, די מיס פערבייסט די ליפּען, די טאַנטע סוד'עט זיך מיט דער טאָכטער, אין דער צייט ווען דער אָנקעל קוקט זי אָן). נו, זעצט אייך, הע, מלאך, קום אַהער, זעצט דיך, שיינדעלע, אַהער, פעטער, מוהמע, איהר זענט דאָך מיינע מחותנים היינט,

(ווענדעט זיך צו דער געזעלשאפט ביים טיש: דאס זענען מיינע משפחה, מיין פעטער, מיין מוהמע, (ער ווייזט אויף שיינדלען) מיין געוועזענע כלה, (אויף מלאך'ן) מיין קאלעגע פון דערהיים; מיר האבען אמאל פערד געפאשעט אינאיינעם ביי דעם יודען (אויף ר' משה'ן)

(דער טיש ווערט בלייך, די טאנטע בייסט זיך די ליפען, האט שוין א פאר מאל געוואלט אויפשפרינגען. דער אנקעל קוקט אן דעם קאנמאר, בענדעט איז שווז אייניגע מאל געוועזן ביי איהם און רייסט איהם, — „וואס איז די מיחר, מיסטער לעווי?" - זשאק הערט אבער גארנישט, ער רעדט ווייטער צו שלמה'ן)

## זשאק.

נו, ווי געהט עס דיר דא, אין אמעריקא, שלמה? בענקסט דו נישט אמאל נאך די היימישע בהמה?

## שלמה „מלאך".

(וועלכער האלט זיך א ביסעל צוריק, ווערט צוגעוואונקען פון איזאאק'ן, וועלכער שטעהט אין א ווינקעל ביי דער שאנק, און ווינקט איהם צו)

אוי בענק איך, ברודער, נאך די היימישע בהמה, עס איז דאך גארנישט קיין מדינה, דאס אמעריקא, מען האלט דא נישט די בהמה ווי מען דארף; אז איך דערזעה דא די פערד אויף די גאס, געהט מיר דאס הארץ אוים פאר רחמנות. וואו האסטו די פערד וואס ביי אונז? ביי אונז א פערד איז דאך א בהמה, האט זיין שטאל, האט זיין שטיק פעלד, וואו עס פאשעט זיך; און דא האלטען זיי די פערד אויף די בוידעמס, אין די קעלערס, גיבען זיי צו פרעסען ווייס איך וואס, טאטריקע — גארנישט מעשה בהמה.

(ביים טיש ווערט אלעס שטיל און בלייך. די טאנטע ציהט די טאפטער, בייסט די ליפען, האט שוין א פאר מאל געוואלט אויפשפרינגען. לואיזא פרובט איהם מיט אלע מעגליכקייטען איינצוהאלטען, ציהט איהם, בייסט די ליפען, טרייסעלט זיך, זשאק זעהט זי נישט, רעדט צו שלמה'ן)

### זשאק.

האָסט רעכט, שלמה, איך בענק אויך נאָך די הײמישע בהמה; יעס, ברודער, דו האָסט רעכט.

### טאַנטע.

(האַפּט זיך אויף, צו דער טאָכטער)

טאָכטער, דאָס געשפּרעך איז ניט פיר אונז. (זי רופט צום מאַן) מאָריטץ, קאָם! (צום קאַנטאָר) וויר דאַנקען איהנען פיר די געזעלשאַפט.

### דער קאַנטאָר.

(צו דער שוועסטער)

שוועסטער, וויר ווערדען דעם הערן לעווי איין אַנדערס מאָל בעזוכען.

### אָנקעל.

בײ קלענערע געזעלשאַפט.

### מימעס קעניגסשטײן..

(אויפגערעגט, רופט זשאַק'ן)

זשאַק, פילײכט ווערסטו די געזעלשאַפט אין צווײטען צימער פערבעטען.

(שלמה וויל אַנטלויפען, זשאַק ווינקט צו איהם, ער זאָל בלײבען)

### ר' משה, בלומעלע.

(האַפּען זיך אויף פערשעמט)

איבער אונז, עס לוינט זיך ניט; מיר זענען מוחל פאַר אונזער

כבוד, מיר קענען אַנ'אַנדערם מאָל קומען.

(ווילען זיך אויפהויבען).

## זשאַק.

זיצט ר' משה. מוהמע, זיצט. איהר זענט ביי מיר אַזעלכע אַנגעלעגטע געסט, (צו דער מים קעניגסשטיין) ווי דיין אָנקעל מיט דער טאַנטע (ער ווייזט אויף בלומעלען, וועלכע ער נעהמט אָן ביי דער האַנד). דו זעהסט די יודענע, ווען ניט די יודענע, וואָלסטו אפשר הײַנט נישט געטראָגען די בריליאַנטען און פערל, וואָס איך האָב דיר פאַר כלה־מתנות געגעבען. די יודענע האָט מיך גענומען צו זיך נישט ווען איך בין געווען זשאַק לעווי, נור אַ קלײַנער שמײַסער־יונג, אַ יתום, אָהן אַ פאָטער, אָן אַ מוטער; האָט מיך די יודענע אַרײַנגענומען צו זיך, איהר ווינקעל מיר אָבגעגעבען, איהר ביסען ברויט זיך מיט מיר געטײַלט, ווי אַ מאַמע געצוואָגען און געבאָדען מיך אויף יעדען שבת. (אויף ר' משה'ן) ביי די האַנד מיך אָנגענומען, אין בית־המדרש מיך געפיהרט און קדיש מיך אויסגעלערענט נאָך מײַן טאַטען זאָגען. (ער ווייזט אויף שײַנדעלען) און דו זעהסט אָט די יודענע, זי האָט מיך ליעב געהאַט נישט ווען איך האָב געהאַט צוצוטײַלען בריליאַנטען און פערל, סטאַרס און הײַזער, — אָהן פאָטער אָהן מוטער, אין שטעלער זיך אַרומגעוואַלגערט, קײַנער האָט זיך נישט געוואָלט אַרומקוקען אויף מיר, האָט די יודענע מיך ליעב געהאַט, איהר טוך מיר אָבגעגעבען צוצודעקען זיך אין די ווינטערדיגע נעכט, האָט געבראָטענע הינדעלעך געגנב'עט ביי איהר בעל־הבית און מיר אין שטאַל געבראַכט. דעם לעצטען גראָשען מיר אָוועקגעגעבען אויף פסח זיך אַ אַנצוג צו מאַכען. אַזוי זענען זיי געווען צו מיר, איך וואָלט געוואָלט זעהען, וואָס די (ווייזט אויף די דײַטשען) וואָלטען געווען געזאָגט, ווען איך וואָלט דאַן געקומען צו זיי. (ער שרײַט אויף צו איזאַאַק'ן) דו ווייסט ווער איך בין פאַר זיי? — מײַן פאָטער איז געווען אַ רב, מײַן משפחה — קױפלײַט; גײַן, איך בין נישט קיין רב'ס אַ זוהן, ווי די האָבען אײַך דערצעהלט,

מײַן פאָטער איז אַ פּראָסטער פוהרמאַן געװעזען, דאָס איז כײַן פאַמיליע. געפעלט אײַך דער שידוך ניט? האָט איהר זיך אין מיר דעם יחוס אײַנגערעכט?

## דער קאַנטאָר.

(שרײַט אויף)

איך װיל נישט, דו זאָלסט דעם הערען נאָך אַמאָל זעהן! (צו בענ-דעט'ן) דאָס האָבען װיר אײַך צו פערדאַנקען.

## ישאַק.

(צו בענדעט'ן)

און איך אויך. איך האָב געמײנט, אַז איהר זענט אײדעלע, פײַנע מענשען — דײַטשען. איך האָב פאַר אײַך דרך-ארץ געהאַט, איך האָב זיך געװאָלט פון אײַך אָבלערנען, װי אַ פײַנער מענש צו װערען. (צום עולם) האָבען זײ מיך דאָס אַ ביסעל געלערנט — איז דאָס אײדעלקײט, איז דאָס פײַנקײט?

## בענדעט.

(געהט אַרויס מיט'ן קאַנטאָר און לואיזאַ, װעלכע ברענגט אַרויס אין אַ שטראָם טרעהרען).

איך האָב געמײנט, ער װעט זיך לאָזען לערנען, פיהרען — װי אין אַ פײַנע געזעלשאַפט זיך צו פערהאַלטען, װי מיט אָרענטליכע מענשען אומצוגעהן, (צו מיסעס קעניגסשטײן) און די מיס האָט דאָך אויך אַזוי געדענקט. נישט װאָהר?

(אַלע אָב)

## ישאַק.

(שרייט זיי נאָך)

אַנ׳אַנדערן לערנט אוים אַ פיינער מענש צו ווערען, ווי מיט לייט אומצוגעהן; נישט מיך. איך מוז שוין בלייבען אַזוי גראָב, ווי איך בין געוועזן. (צו דעם היימישען עולם) האָבען זיי מיך דאָס אַ ביסעל געלערנט צו שמייכלען, און אַ ליעבע מינע צו מאַכען, און ליגענד צו זאָגען, אייגענע טאַטע-מאַמע צו פערלייקענען. — (ער געהט צו צו איזאַאַק׳ן, וועל-כער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקעל און זיך שטיל-שווייגענד צוגעקוקט אונדערט דעם טאָן, געבראָכען) זיי מיר מוחל, ברודער! איך, איך, איך, בין אַ הונד, אַ געמיינער יונג בין איך, ווי איך האָב געהאַנדעלט געגען דיין שוועסטער; (פויזע) זיי מיר מוחל, איזאַאַק! דו האָסט רעכט געהאַט, זעהר רעכט געהאַט, (פאַלט איהם אויפ׳ן האַלז מיט טרעהרען אין די אויגען). איך האָב געוואָלט אַ קליין קינד האָבען, איזאַאַק, אַ קליין קינד. (ער וויינט באַנג אויף איזאַאַקס האַלז).

(פאָרהאַנג לאַנגזאַם.)

# דריטער אקט.

אין דעם צימער ווי אין צווייטען אקט. אָוועגד. ר' משה זיצט ביים אויוועָן. אויפ'ן טיש ברענט זיך א יאָהר-צייט-ליכט. די מוהמע בלומעלע גרייט צום טיש, — עס קומט אריין איזאאַק.

איזאאַק.

גוט אָוועָנד! זשאַק איז נישטאָ?

בלומעלע.

גוט אָוועָנד, גוט יאָהר! איז דאָך געגאַנגען אין שוהל אריין, האָט דאָך היינט יאָהר-צייט נאָך איהר.

איזאאַק.

(דענקט נאָך)

יעָס, יעָס. אָבער, וואָס האָב איך דאָס געוואָלט זאָגען, איהר זאָלט מיר לעָבען, איהר זענט דאָך פרומע לייט,—ווי לאָזט איהר אייער פּלימיעָניק, איך מיין, זשאַק'ן — אַזוי זיצען, אָהן א ווייב, אָהן חתונה געהאַט? ווייסט — ער איז דאָך א מאַנספּערשוין אין די בעסטע יאָהרען, האָט איהר גאָרנישט קיינמאָל וועגען דעם נאָכגעקלערט?

בלומעלע.

אוי, דאָס איז דאָך, וואָס איך טענה מיט מיין אַלטען טאָג און נאַכט! וויים — ער איז דאָך נאָך א יונגער מענש אין די בעסטע יאָהרען!

עס איז דאך א עבירה—נישט קיין קינד און נישט קיין רינד! דאס טענה איך דאך מיט׳ן (זי ווייזט אויף ר׳ משה׳ן): דו ביזט א קרוב, א גואל, האסט דעם יתום קדיש געלערענט, וואס שווייגסטו? פארוואס זאגסטו נישט, אז נאכ׳ן יודישען דין? מיר זענען דאך נארישע ווייבער, מיך וועט ער דען הערען?

### ר׳ משה.

א שידוך איז א ווייבערישע זאך, מיט שידוכים, שדכנ׳טעס גיבען זיך ווייבער אב. דו האסט אהן עין־הרע א מויל, נישטקשה, דו קענסט רעדען.

### בלומעלע.

(שטעלט זיך)

א נו, משה׳לע, משה׳לע, ווען וועסטו שוין דיין עקשנות אוועק־לעגען? אבגעלעבט מיט א מאן פיערציג יאהר אין עקשנות; און מיך וועט ער דען הערען? ער וויל דאך נישט הערען און געדענקען דערפון, צייט נאך יענער מעשה, דא, מיט די דייטשען. איך בין דאך א נארישע יודענע, דו א בעל־הבית אין שטאדט, וועסט׳ן זאגען—נאכ׳ן יודישען דין.

### איזאאק.

נו, נו, עס איז נישט אזוי שרעקליך, ער וועט זיך נישט די אויערן פערשטאפען, אז מען וועט רעדען וועגען א מיידעל; איך קען מיין סחורה. (ער האקט איבער) זאגט נור, איהר זאלט מיר לעבען, האט איהר עפעס א טראכט געטהון וועגען די יתומה, איך מיין, שיינדעל סטאכטער?

### בלומעלע.

א כשר יודיש קינד, כ׳לעבען, עס וואלט א גרויסע מצוה געווען,

אי פאַר דער יתומה, אי פאַר דער מוטער; ער האָט די מוטער פערשעמט, ער איז דאָך מיט איהר אַ כלה געװעזען, לאַז ער איהר טאָכטער געהמען. (צו משה'ן) אַה, װאָס זאָגסטו משה?

ר׳ משה.

אודאי װאָלט געװעזען אַ גלײַכע זאַך, נדן, װעט ער דאָך סײַ װי סײַ מוזען געבען.

איזאאק.

האָט איהר שוין אַמאָל גערעדט מיט איהר. איך מײַן מיט שײַנדעלען, װעגען דער זאַך?

בלומעלע.

אודאי האָט מען גערעדט. זינדיגע װײַבער רעדען.

איזאאק.

נו, װאָס זאָגט זי?

בלומעלע.

װאָס, זי זאָל זיך נאָך קװענטשען? דאָס מײדעל קומט אַרײַן אין אַזאַ עשירות, אין אַזאַ שמאַלץ־גרוב!

איזאאק.

און דאָס מײדעל װײס איך װאָס, אפשר האָט זי שוין אַ בױ?

## בלומעלע.

לאז אײַך א גוט יאהר, וואס איהר רעדט; א כשר יודיש קינד ב׳לעבען, זי האט עס עהרליך פערדינט; איהר פאטער אין הימעל האט זיך געמוזט לויפען מיהען.

## איזאאק.

נו, וואס זאגט איהר, בלומעלע?

## בלומעלע.

וואס זאל איך זאגען? איך וועל אײַך זאגען מיט אנ׳אמת, איך האב געקלערט דערפון פון ערשטען אויגענבליק אן; ווארום לאזען מיר זיך נישט גענארען, זי עליה־השלום, איך מײַן אײַער שוועסטער, פאר־וואס, מײַנט איהר, האט זי קײַן קינדער נישט געהאט? ווער ווײַסט צי זי האט זיך חלילה נישט פערזינדיגט אין איהר, איך מײַן אין שײַנדעלען; איהר זאלט מיר לעבען, ער איז דאך מיט איהר א כלה געווען, תנאים געשריבען, איבערגעלאזט זי א ווײַסטע כלה־עגונה און חתונה געהאט מיט אנ׳אנדערער. ווער ווײַסט, חלילה נישט איבערדעם, ווײניג לעזט מען זיך אן אזעלכע מעשיות, א כלה פערשעמט — גאר א קלײניגקײט!

## ר׳ משה.

שווײַג שוין, שווײַג, נארישע יודענע.

## איזאאק.

נו וועט ער די כלה איבערבעטען, ער וועט מיט איהר טאכטער חתונה האבען. איהר האט רעכט, אפשר וועט ער דערפאר מיט איהר קינדער האבען.

בלומעלע.

מיר זענען נאַרישע ווייבער.

איזאַאַק.

נו, איך וועל אריבערגעהן צו איהר, צו שיינדעלען, און וועל רעדען מיט איהר אליין; זי וואוינט דאך דאָ נישט ווייט, הע?

בלומעלע.

אודאי, דאָ אַבסטערם. ער האט דאך איהר אָבגעגעבען א וואוינונג אין שכנות, אז ער זאָל נאָהענט וואוינען נעבען איהר, אז זי זאָל אויפדערנאָכט דאָ אַריינקומען, פערצעהלען איהם פון אמאָליגע יאָהרען. אָבער איהר זאָלט מיר לעבען, און ער, איך מיין, יעקב׳ל ער וויל דאך נישט הערען דערפון, ער וויל דאך נישט געדענקען דערפון, ציים יענער מעשה, איך מיין, מיט די דייטשען.

איזאַאַק.

נו, נו, ער וועט זיך איבערדערלענען, עס איז נישט אַזוי שרעקליך.

ר׳ משה.

ער וויל נישט הערען און געדענקען, נור קיים קומט זי נישט, שיינדעלע, מיט איהר מיידעלע אריין אין אָווענד, האַלט ער עס נישט אוים, שיקט אַרויף נאך איהר, פרעגט אוים אויף איהר, געהט מיט׳ן מיידעל אין טעאַטערם אַרום אָדער ווייס איך וואו. אודאי דארף מען אמאל אַנ׳עק מאַכען, זי איז דאך אַ מיידעל, און ער — א מאנספערשוין; מילא, וואָם עס קען זיך טרעפען, אַמעריקא!

בלומעלע.

טאַ, וואָס זאָל איך טהון, ר׳ איזאאַק?

איזאַאַק.

איהר זאָלט דעם טיש גרייטען און שטעלט אויף די זילבערנע לײַכ־טער, און גרייט אָן אַ טוץ טעלער צו צוברעכען, און איך געה אראָבּשיקען די כלה מיט דער מחותנת׳טע.

בלומעלע.

וואָס שוין היינט, אין איהר יאָהר־צייט?

ר׳ משה.

דער יאָהר־צייט טאָג איז אַ מזל׳דיגער טאָג, נישקשה, עס איז אַ יודישע זאַך.

בלומעלע.

(נעהמט זיך גרייטען צום טיש, לעגט אויף אַ ווייס טישטוך, שטעלט אוועק די זילבערנע לײַכטער).

און טאָ ווער זאָל רעדען מיט איהם, איך מיין מיט יעקב׳ל, אדרבה זאָגט איהר, איך זענט דאָך אַ וועלט־מענש, ווער זאָל אָנהויבען רעדען מיט איהם וועגען שידוך? איז אַ מאַן נישט צו אַזעלכע זאַכען, דאַרף ער (זי ווייזט אויף ר׳ משה׳ן) נישט אָנהויבען רעדען מיט איהם דערפון?

איזאאַק.

נו, נו, איהר וועט שוין אדורכקומען! אַזוי לאַנג אויסגעקומען

אָהן אַ דריטען ; נו מאַכט׳ס אַנ׳עק , אַז ער וועט קומען , און זאָגט איהם באַלד , איהר דאַרפט זיך נישט שעמען פאַר איהם , נישקשה , ער וועט אייך נישט אויפעסען דערפאַר . איך מוז נאָך זעהען, פאַר דעם מיי־דעל אַ כלה־מתנה צו פערזאָרגען. (ער האַרכט) אַהאַ, זשאַק קומט אָן , איך וויל נישט, ער זאָל מיך זעהען , איך וועל גיעהן דורך דער קיטשען , און זאָגט׳ס קיין וואָרט נישט , אַז איך בין דאָ געוועזען און אַז איך ווייס פון עפּיס . איהר הערט , קיין איין וואָרט נישט פון מיר , איך וויל נישט, ער זאָל וויסען . (ער געהט אָב דורך דער קיטשען) .

ר׳ משה.

גוט , גוט , און לאָז זי אַריבערשיקען נאָך שלמה׳ן — ער וואוינט ביי שניידערלען — אַז עס זאָל אַנ׳עדות זיין ביי קבלת־קנין .

(איזאַאַק אָב . זשאַק קומט אַריין דורך דער טהיר . ער איז אין שלום־ראָק , האַלט אַ סידור הינטערן אָרים) .

ר׳ משה, בלומעלע.

(ביידע אינאיינעם)

מזל טוב דיר , מזל טוב דיר .

זשאַק,

(קוקט זיי אָן פערוואונדערט)

װאָס פאַר אַ מזל טוב ?

ר׳ מש

ביי יידען איז אַ מנהג , אַז מען האָט יאָהר־צייט קומט אַ מזל־טוב .

### ישאק.

(מיט א טרויעריגע מינע)

דער דריטער יאהר-צייט היינט, בין איך אין חברה געווען. איך האב געלאזט פאר איהר א משניות לערנען, תהלים זאגען, קדיש נאך איהר געזאגט. (קרעכצט) דריי יאהר שוין, [ווי איך בין אליין, אט מיט די ווענד! (ער דערמאהנט זיך) אך, גוט האט איהר געטהון, פעטער, מוה-מע, וואס איהר האט זיך צו מיר אריינגעצויגען, האט מען א היימישען מענשען מיט וועמען א ווארט אויסצורעדען; אזוי חלילה, מען ווערט קראנק, ווער וואלט זיך אויף מיר ארומגעקוקט? עך, גוט האט איהר געטהון, פעטער, מוהמע, איהר זענט אהערגעקומען, איהר וואוינט מיט מיר. ע, עס איז דאך גאר היימיש, ווי אין דערהיים פארצייטענס: שבת'דיגע לייכטער, פיש, חלות. (ער דערמאהנט זיך) וואס איז טאקע היינט זילבערנע לייכטער אויפ'ן טיש?

### בלומעלע.

(שטאמעלט)

מיר האבען געוואלט... משה!

### ר' משה.

(העלפט איהר ארויס)

ביי יודען איז א מנהג, אז מען האט יאהר-צייט, מאכט מען א שטיקעל שמחה, נאכ'ן לעצטען קדיש טרינקט מען א גלעזעל משקה צו-זאמען; האסט דאך היינט יאהר-צייט נאך דיין געשטארבען ווייב, עליה-השלום, האט מען א פאר לאנדס-לייט צוזאמענגעבעטען, אז זיי זאלען זיך מיט דיר משמח זיין, ווי דער יודישער מנהג איז.

### ישאק.

זעהט איהר, פון צייט איהר זענט אהער געקומען, ווייס איך פון

אַ יודישען מנהג, זעהט מען אַמאָל אַ היימישען מענשען אַ לאַנדס־מאַן! אייַ, אייַ, דאָס אַמעריקאַ—דאָס מעקט דאָך אַלעם אוים, מען פערגעסט דאָך אָן אַלעם, (דערמאָהנענדיג זיך) יאָ, און שיינדעלע וועט אויך זיין? איז איהר מיידעל געווען?

### בלומעלע.

און שיינדעלע וועט זיין, און איהר מיידעל וועט זיין, אַ מיידעל, אַ גאָלד, אַ גוטער שטערן זאָל איהר נור אין הימעל שטעהן, זי איז ווערט אַ מלכות.

### זשאַק.

(רייבט זיך די הענד, מיט פרייד)

אָל רייט, אָל רייט. כ׳לעבען, עס איז געווען אַ גרויסאַרטיגע זאַך, וואָס איהר האָט זיך דאָ צו מיר אַרייַנגעצויגען, עס איז דאָך גאָר אַנ׳אַנדערס לעבען ביי מיר, די מענשען אַנדערע, די מאכלים אַנדערע! מוהמע בלומעלע, איהר זענט אָל רייט.

### בלומעלע.

וואָס בין איך דאָס אימשטיינס געזאָגט אָל רייט, אָל שמייט, ווי דו זאָגסט, וואָס איז? איך בין אַ צובראָכענער שאַרבען, און ער (זי ווייזט אויפ׳ן מאַן) איז אַ צווייטער צובראָכענער שאַרבען, וואָס קען מיר דיר אימשטיינס געזאָגט טהון? העלפען, מיר זענען דאָך אַלטע לייט; דו האָסט געדאַרפט אַ יונג ווייבעל, אַ שען ווייבעל, אַ יודיש ווייבעל, זאָל דיר דאָ ליכטיג, ציכטיג מאַכען, זאָל זיך דאָ מיט דיר אומגעהן, שפּיעלען, — וואָלט געווען אָל רייט, אָל שמייט, ווי דו זאָגסט.

### זשאק.

(רויט ווערענדיג)

וואס האט דאס די מוהמע,—וואס, וואס, איך, א יונג ווייבעל, וואס?

### בלומעלע.

(מיט שרעק, שטאמעלט)

איך מיין, איך האב געמיינט, אזא יונגערמאן, ביסט דאך נאך יונג, (אונבעהאלפען צום מאן) משה, וואס שווייגסטו?

### ר׳ משה.

מילא, זי האט דאך רעכט. נאכ׳ן יודישען דין נאך טאר א מענש, א יוד אין דיינע יאהרען נישט זיצען אהן א ווייב, עס איז אנ׳עבירה, דו ביסט דאך אהן עין־הרע א געזונדער מאנספערשוין, דארפסט חתונה צו האבען נאכ׳ן יודישען דין נאך, קינדער האבען.

### בלומעלע.

(מיט מעהר מוט)

און וואס האסטו פון אונז אימשטיינם געזאגט? צוויי צובראכענע שארבענס. דו דארפסט א יונג ווייבעל, א יודיש ווייבעל, זי זאל דיר מאכען מאכלים, נישקשה איהרע מאכלים וועלען דיר בעסער שמעקען ווי מיינע; אנ׳אלטע יודענע אימשטיינם געזאגט, א צובראכענער שארבען.

### זשאק.

(פערהילט זיך די אויערן)

ניין, ניין, איך וויל נישט הערען, איך וויל נישט געדענקען דער־

פון ! שוויַינט'ס, שוויַינט'ס ! וואס, איך האָב נאָך ווענינ טראָבעל געהאט ? מיט די, אט איהר נעדענקט ניִשט, אלעס פערפאלען נעלאזט, די פערל מיט די ברילינאנטען, אבי פטור ווערען ! ניין, ניין, נאָך ווענינ טראָבעל געהאט ? איך וויל ניִשט הערען, איך וויל ניִשט נעדענקען דערפון .
(פערשטעלט זיך די אויערן)

## בלומעלע.

מילא, עס מאַכט זיך מיט איינער איז ניִשט נעטראָפען, דארף די וועלט אונטערצונעהן ? אז דו האסט דיר אויסנעקליבען ניִשט פון דיינע לייט, איז דיר ווער שולדינ ? אז מען נעהמט זיך, נעהמט מען זיך א יודיש מיידעל, א היימיש קינד ; קענסט איהר מוטער, האסט איהר פאטער געקענט, ווייסט ווער זי איז .

## זשאק.

איך האָב דאָך איינמאָל נעזאָגט, איך וויל ניִשט הערען, איך וויל ניִשט נעדענקען דערפון. לאָמיר אויפהערען צו רעדען. (דרעהט זיך איבער דער שטוב ארויף און אראב, שאָקעלט זיך אָב). אך, גאָט מיינער וואס פאר א טראָבעל נעהאט, נו, נו, נענוג ! איך וויל ניִשט הערען, איך וויל ניִשט נעדענקען דערפון. (ר' משה ווינקט צו בלומעלען אויף זשאק'ן, ווי ער וואָלט זאָגען,—קוק מיר אָן, מיין תנא. נאָך א קליינע פויזע) און איהר מיינט, אז דאָ אין ניו-יאָרק קרינט מען שוין א היימיש קינד ? ווייס איך וואס. (פון שטוב ארויס) איך וואָלט נייגעריג געווען צו וויסען, וועמען זי האט אויפ'ן זינען.

## בלומעלע.

נישקשה, אז מען זוכט געפינט מען שוין ; טיילמאָל שטעהט עס פאר דער נאָז און מען זעהט עס ניִשט מיט די אויגען.

ר׳ משה.

(אין דער שטיל צו בלומעלען)

ער זעהט עס ניט, שוין זעהט ער עס ניט!

זשאק.

פונקט היינט זיך גענומען, אין דער נאכט פון איהר יאהרצייט צו דערען דערפון! לאמיר אויפהערען. (פויזע) ע, איך האב׳ס גארנישט אין זינען געהאט.

ר׳ משה.

וואס איז אין דער יאהרצייט, עס איז נישט קיין עבירה, נור א מצוה נאכ׳ן יודישען דין. און די וועלט איז שוין איינמאל אזוי, די געשטארבענע זענען טויט און די לעבעדיגע דארפען לעבען.

זשאק.

און וואס מיינט איהר, א היימיש יונג מיידעל האט שוין גארנישט אנדערש וואס צו טהון, נור מיך צו נעהמען? עס זענען דא גענוג יונגע בוים.

בלומעלע.

נו, נו, זיי האבען זיך אין דער מדרגה צו האלטען, אין אזא שמאלצגרוב, נישט איין יונגע מויד וואלט זיך דיר אויף דעם האלז אנגעהאנגען; פאר דעם איז שוין אויסגעזארגט. כ׳לעבען, ווען איך וואלט היינט א יונגע מויד געווען!

ר׳ משה.

(מיט שפאס)

נו, נו, אלטע, וואס אמעריקא מאכט! זעהסט וואס אמעריקא מאכט?

### בלומעלע.

שווייג, שווייג, לאָזען שוין דיינע שונאים רעדען (צו זשאַק'ן) פאַר־דעם איז אויסגעזאָרגט.

### זשאַק.

איך בין נור נייגעריג צו וויסען, וועמען זי האָט אויפ'ן זינען.

### בלומעלע.

דו ווייסט עס גאַנץ גוט, מען דאַרף דיר נישט קיין פינגער אין מויל אריינצושטעקען. (מען קלינגט אין טיהר) קומט אודאי שוין אליין אָן. (געהט אַרויס די טהיר עפענען).

### זשאַק.

ווירקליך, דער קאָפּ שטעהט מיר גאָרנישט צו דעם, ווירקליך נישט. קען מען באַלד זיך צו פּאַסען? איהר מיינט איינמאָל חתונה געהאַט, ווייס איך, נור דאַן געטהון אַ נאַרישקייט.

(עס קומט אַריין שיינדעלע מיט'ן מיידעל, זיי זענען שבת'דיג געקליידט, דאָס מיידעל אויסגעצוואָגען, אין אַ נייַ קליידעל, פערקעמט די האָהר אין צוויי צעפּ, האַלט זיך אַרטיג ביי דער מוטער. שיינדעלע קומט אַריין, סטאַרעט זיך צו קוקען זשאַק'ן אין די אויגען אַריין, זשאַק קוקט אין אַ זייט, ברומט אונטער אַ ביסעל. אַ קליינע שטילע פּויזע, שיינדעלע מאַכט איינִיגע מאָל מ... מע... אָזעלכעס... זעצט זיך אַוועק).

### שיינדעלע.

איך בין נייגעריג צו וויסען, וואָס זי' , געשיקט נאָך מיר.

איך מיט מיין יתומה בין דא.

### בלומעלע.

וואס ביסטו אזוי נייגעריג, וועסטו א ביסעל שפעטער געוואהר ווע־רען; וואס האסטו מורא, דו וועסט צולעגען דער באבעס ירושה? דו וועסט נישט צולעגען דער באבעס ירושה!

### שיינדעלע.

(קוקענדיג אויף זשאק'ן, וועלכער נעהמט די אויגען אוועק)

יא דער באבעס ירושה, נישט דער באבעס ירושה, (זי בליקט אויף זשאק'ן) איך וויים נישט וואס שטעהט דא צו געווינען.

### בלומעלע.

וועסטו שפעטער זעהען. (נאך א קליינע פויזע) הכלל, וואס וועלען מיר מאכען לאנגע שהיות, מיר זענען נישט אלע קיין קינדער. (צום מיי־דעל) זאג נור, פייגעלע, האסטו ניט אפשר וועמען, איך מיין—האסטו נישט וועמען דיין ווארט צוגעזאגט, איך מיין, ביזטו שוין נישט, האסטו שוין וועמען א חתן אין דערהיים? אפשר דא?

### שיינדעלע.

(קוקט אויף זשאק'ן, וועלכער נעהמט פון איהר די אויגען אוועק)

זי איז דען אזא נאר ווי איהר מוטער? איהר מוטער האט זיך בע־נארישט; היינטיגע מיידלעך בעדענקען זיך גוט, איידער זיי געהען טהון אזא שריט. (צו זשאק'ן) דער חתן קען נאך נאך אמעריקא אנטלויפען חתונה האבען, און די כלה איבערלאזען אין דערהיים זיצען, ווי נישט איינער האט עס געטהון.

בלומעלע.

שווייג, שווייג, לאָזען דיינע שונאים רעדען.

פייגעלע.

(רוקט זיך געהנטער צו צו דער מוטער, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ)

ניין!

בלומעלע.

מיר האָבען פאַר דיר אַ שידוך אַ גליק. דו קומסט אַריין אין אַ הויז אַריין, אין עשירות.

ר' משה.

(לעגט צו)

אין אַ עשירות, אין אַ אַדירות.

בלומעלע.

אוי, ליכטיגע האָט געמוזט דיין שטערן אויפ'ן הימעל אויפ־געהן. דיין טאַטע אין הימעל האָט זיך געמוזט פאַר דיר לויפען מיהען! עס וועט דיר וואויל זיין ווי די וועלט. די מאַמע האָט דיר גאַרנישט געזאָגט?

שיינדעלע.

אַ גליק, זאָג איך דיר! ער וועט דיך אויך לאָזען זיצען, און מיט אַג'אַנדערער חתונה האָבען, און דו זיצסט אין דערהיים אין געהאַק־טע וואונדען. קוק אויס אויף אַ בריוועל צו דער כלה, איך זאָג דיר אַ גליק!

### בלומעלע.

שווייג, שווייג, לאָזען שוין דיינע שונאים רעדען, (צום מיידעל) האָט די מאַמע גאָרנישט גערעדט מיט דיר?

### פייגעלע.

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ)

יאָ.

### בלומעלע.

נו, וואָס זאָגסטו?

### פייגעלע.

(לאָזט אַראָב דעם קאָפּ)

וואָס די מאַמע וועט מיך הייסען, דאָס וועל איך טהון.

### שיינדעלע.

די מאַמע וועט דיך הייסען, וועט דיך הייסען. מן הסתם האָט ער דאָך שוין אַזאַ פעהלער, אַז ער שדכנ'ט זיך נור צו אונזער משפחה, קיין אַנדערע קען איהם גאָרנישט געפעלען. בין איך נישט אַריינגעפאַלען צו איהם, וועסטו אַריינפאַלען.

### זשאַק.

(וועלכער איז געזעסען די גאַנצע צייט און האָט פאַר חרפה נישט געקענט קוקען שיינדעלען אין פנים אַריין, נור דאָס פנים געהאַט אַוועקגעבויגען, הויבט זיך אויף).

ע, דער קאָפּ שטעהט מיר גאָרנישט חתונה צו האָבען.

### שיינדעלע.

קוקט׳ס מיר נור אָן מיין צדיק, דער קאָפּ שטעהט איהם גאָר־נישט און די אויגעלעך בלישטשען, בלישטשען! אוי, אוי, איך קען מיך דערוויף!

### זשאַק.

ווירקליך דער קאָפּ שטעהט מיר נישט. איהר מיינט, עס איז אַזוי גרינג. איינמאָל חתונה געהאַט, יאָהר־צייט געהאַט — אַזוי שנעל פערגעסען, חתונה האָבען — איינמאָל נור געוואָלט טהון אַ נאַרישקייט! איך ווייס נישט, אויב איך קען זיך צופּאַסען. מען קען נישט אַזוי פלינק פערגעסען אַ ווייב!

### שיינדעלע.

קוקט׳ס מיר אָן מיין צדיק, מען קען נישט אַזוי פלינק פערגעסען, כ׳לעבען, עס איז שוין צייט, זאָלסט טאַקע נישט פערגעסען, איך האָב מורא, זאָלסט זי אויך נישט פערגעסען, ווי דו האָסט איהר מוטער פער־געסען. וועסט מיין יתומה געבען אַ נדן, נישקשה, זי וועט קריגען אַזאַ מציאה ווי דו ביזט.

### בלומעלע.

האָב נישט קיין מורא, ער וועט איהר שוין געבען נדן, ער וועט איהר געבען אַ חתן, — חתונה האָבען וועט ער, אַ קינד וועט ער איהר געבען נדן. האָב נישט קיין מורא, ער וועט איהר שוין געבען.

### ר׳ משה.

ואָס איז שייך? געשטאָרבען איז געשטאָרבען, און חתונה צו

האָבען איז אַ מצוה־זאַך ; אַ יוד , אַ יונגער מענש , דאַרפט קינדער האָבען .

ז ש אַ ק .

איך ווייס גאַר נישט , אויב דאָס מיידעל וועט מיך וועלען ! איך בין דאָך שוין אַן׳עלטערער מענש .

ש י י נ ד ע ל ע .

עס איז ביי אונז אַזאַ משפחה־פעהלער , האָסט שוין אַזאַ מזל צו אונז ; האָסט געפעלען דער מאַמען , וועסטו געפעלען דער טאָכטער .

ז ש אַ ק .

(הויבט זיך אויף , געהט צו צום מיידעל)

יאָ , עס איז וואָהר ? (דאָס מיידעל פערשעמט, האַלט דעם קאָפּ צו דר׳ערד געבויגען) . ווילסטו ווערען מיין כלה ? זאָג , שעם דיך נישט ! דיין מאַמע האָט מיך אויך נישט פיינד געהאַט . אַזאַ אַלטער מאַן בין איך נאָך נישט , און קיין שלעכטער מענש בין איך אויך נישט , דאָס האָט דיר די מאַמע אודאי שוין געזאָגט .

פ י י ג ע ל ע .

איך ווייס עס גאַנץ גוט .

ז ש אַ ק .

דיין מאַמע האָב איך טאַקע פערשעמט , אַ חתן געוואָרען מיט איהר און זי איבערגעלאָזט אין דערהיים ; און דיין מאַמע איז געווען גוט צו מיר , נור עס האָט זיך אַזוי געמאַכט . געגען דיין מאַמען האָב איך גע־

זינדיגט, דערפאַר וועל איך מיט דיר חתונה האָבען.

בלומעלע.

מן הסתם איז עס דאָך געוועזען אַ גאָטס־זאַך, עס זאָל זיך אַזוי מאַכען (צו שיינדעלען); דיר איז נישט געוועזען בעשערט, איהר איז עס יאָ בעשערט.

זשאַק.

(נעהמט זי אָן ביי דער האַנד, און גלעט איהר דעם קאָפּ)

און יאַ, וועסטו זיין אַ גוט ווייבעל, וועט דיר וואויל זיין ווי די וועלט; נור נישט קיין גרויסארטיגע מאַדאַם, חאָטש דו וועסט האָבען געלד. און יודישליך זאָלסטו מיר דאָ אין הויז איינפיהרען, ווי אין דער היים. דו הערסט! ווי זי, עליה־השלום, ווי די מוהמע בלומעלע — יודישליך, יודישע מאכלים, היימיש. דו הערסט!

שיינדעלע.

וועסט איהם קאָכען יאַיכלעך און געבראָטענע הינדלעך, ער האָט עס גערן. (זי ווינקט צו איהם) דו דערמאָהנסט דיך.

פיינעלע.

די מאַמע האָט מיר שוין געזאָגט.

בלומעלע.

מיט איין וואָרט, אַז דו וועסט דיך וויסען ווי צו, פיהרען קען דיר וואויל זיין ווי די וועלט. הינטער אַ ליכטיגען שטערן ביזטו געבוירען מיין קינד,

דינטער אַ ליכטיגען שטערן. (צום מאַן) משה! וואָס זיצסטו? נאַ, מײַנער זיצט גאָר! געה זײַ מקבל קנין! אויף וואָס זאָל מען אָבלעגען?

זשאַק.

באַלד, היינט, בײַ איהר יאָהר־צײַט־ליכט? לאָז מען אָבלעגען אויף אַנ׳אַנדער טאָג.

שײַנדעלע.

דער יאָהר־צײַט־טאָג איז אַ מזל׳דיגער טאָג בײַ יודען. משה, וואָס שווייַגסטו, וואָס האָסטו דיך אוועקגעזעצט?

ר׳ משה.

איך וואַרט דאָך אויף אַנ׳עדות, יודענע; איהר זעגט דאָך ווײַבער מען קען דאָך פון אײַך קײַן עדות נישט האָבען. וועט קומען שלמה וועט מען מקבל קנין זײַן.

זשאַק.

לאָז מען וואַרטען, ביז דאָס יאָהר־צײַט־ליכט וועט אויסגעהן.

ר׳ משה.

וואָס איז, בײַם יאָהר־צײַט־ליכט? עס איז גאָרנישט אַזאַ עבירה אדרבה! עס איז אַ מצוה חתונה צו האָבען, נאָכ׳ן יודישען דין. נישקשה, אין יאָהר־צײַט־טאָג איז אַ מזל׳דיגער טאָג, אַ מזל׳דיגער טאָג. יאָ, איז שלמה דאָ! (שלמה קומט אַרײַן דורך דער קיטשען־טהיר, ר׳ משה

נעהמט ארויס זיין טיכעל) די טויטע זענען טויט, די לעבעדיגע דארפען צו לעבען.

שלמה „מלאך".

(פערוואונדערט)

וואס איז דאס, וואס האט׳ס געשיקט נאך מיר?

ר׳ משה.

וועסט אנ׳עדות זיין, עס איז א יודישע זאך. האסט מנחה געדא־ווענט, קום אהער!

זשאק.

כ׳האב ס׳מאל קיין כלה־מתנה נישט, אזוי אונגעריכט!

בלומעלע.

דו ביסט פאר איהר די בעסטע מתנה

שיינדעלע.

און וואו איז דער מחותן איזאאק?

זשאק.

(דערמאהנט זיך אן איזאאק׳ן מיט שרעק)

הערט נור, נור איזאאק דארף נישט דערפון געוואהר צו ווערען. איהר הערט? קיין אייןווארט. (צו דער מוהמע׳ן) עס איז מיר א חרפה פאר איהם די אויגען צו דערהויבען נאך יענער מעשה. ווידער זיך דעם קאפ

פערדרעהט. איהר הערט?

שײנדעלע.

װי הײסט? איזאאק איז דאך דער גאנצער...

בלומעלע.

(פאלט איהר אין די רײד)

האסט רעכט, קײן אײן װארט ניִשט; איזאאק װעט ניִשט געװאָהר װערען.

שײנדעלע.

װאס, ער שעמט זיך מיט מײן טאָכטער?

בלומעלע.

ער שעמט זיך ניִשט, ער שעמט זיך ניִשט. ער האט רעכט. משה, װאס שטעסטו?

ר' משה.

אז איהר פלױדערט אזױ פיִעל, און קײן מצוה מקיים זײן לאזט איהר ניִשט. (נעהמט דאס טיכעל, איז מקבל קנין. עס ברעכט ארױס א רעש, מזל-טוב! בלומעלע נעהמט א גאנצען סטאָס טעלער און האקט אן דר'ערד). מזל-טוב!

(מען גיסט אן גלעזלעך, מען װינשט זיך, מען קושט זיך).

ר' משה.

(מיט'ן כוס צו זשאק'ן)

לחיים דיר, לחיים! דער זװג זאל עולה יפה זײן, דו טהוסט א

גרויסע מצוה. (ווײַזט אויפ'ן מײדעל) די יתומה, גאָט זאָל דיר העלפען. (בלומעלע חליפּעט ארוים אין אַ געוויין). וואָס ווײַנסטו, נאַרישע יודענע?

### בלומעלע.

(ווײַזט אויף זשאַק'ן)

זײַן מוטער חנה האָט געראַפּט פון קבר אויפצושטעהן און צו זעהען זײַן עשירות, זײַן אַדירות. אַנ'אָרימאַן האָט קיין מזל נישט, צרות האָט זי געהאַט פון איהם, און אַז עס קומט צו אַ שטיקעל נחת, דערלעבט זי עס נישט.

### ר' משה.

האָסטו געהערט! האָט זיך דערמאָהנט אַ מעשה פון פאַר פערציג יאָהר! ווי לאַנג איז זײַן מוטער שוין טויט? לחיים, לחיים!

### בלומעלע.

(טריקענט זיך אויס די אויגען און צוקושט זיך, צוזאָרשט מיט דער כלה, דערנאָך מיט שײנדעלען).

זעהסטו, עס ווערט גאָרנישט פערלוירען. דיך האָט ער פערשעמט, געהמט ער דײַן טאָכטער; מיט דיר דעם שידוך אָבגעלאָזט, האָט ער חתונה מיט דײַן טאָכטער. זעהסט, גאָט'ס אַ זאַך.

### שײנדעלע.

(זעצט זיך אַוועק און קוקט אויף זשאַק'ן)

און איך קוק אָן דעם תנא (זי ווײַזט אויף זשאַק'ן) און פרעג נור איין זאַך. פאַרוואָס קומט זיי דאָס אַלעס די מאַנספערשוינען? זיי שדכנ'ען זיך צו די מוטערס און האָבען נאָך חתונה מיט זייערע טעכטער; און מיר,

טרויערינגע ווייבער, אז קוים עלטערן מיר זיך, געהען מיר שוין אין דר'ערד אריין.

### בלומעלע.

איי, לאז מיך געמאך, ער איז דאך נאך א יונגערמאן.

### שיינדעלע.

איך וועל מיר נעהמען א יונגען בוי און חתונה האבען. ער מעג, איך מעג אויך.

### בלומעלע.

(בעקוקט זי און שאקעלט אויף איהר מיט'ן קאפ)

איי, דו ביסט דאך שוין א צובראכענער שארבען, וועסט גאט בענשען, אז דו וועסט זייערע קינדער וויעגען.

### שיינדעלע.

דאס איז דאך מיין געשריי, מיר טרויערינגע ווייבער, אז קוים עלטערט מען זיך, געהען מיר שוין אראב, אראב; און זיי קומט אלעס,— די מוטערס, די טעכטער.

### בלומעלע.

לאז מיך שוין געמאך מיט דיין צובראכענעם שארבען.

### זשאק.

נו, לחיים, שיינדעלע, גאט זאל דיר העלפען, זאלסט האבען א גוטע

עלטער. זעהסט—דיינע געבראָטענע הינדעלעך זענען דיר נישט פערלאָרען געוואָרען; זיי קומען אין די משפחה אריין. נור נישקשה, ביסט געווען אַ גוט מיידעל, אַ שען מיידעל, זאָ העלף מיר גאָט, היינט ביסטו אַנ׳אַלטע יודענע געוואָרען, אַנ׳אַלטע יודענע. ביי מיר וועסטו וואוינען, וועסט דיין טאָכטער לערנען ווי אַ גוטע בעל־הבית׳טע צו זיין, וועסט איהר פערצעהלען, וואָס איך האָב ליעב, דו ווייסט דאָך פון אַמאָליגע יאָהרען; ווייניג וואָס זיך געענדערט, חאָטש זיך געשניטען אויף אַ דייטש, נור אונזערם אַ מענש ענדערט זיך נישט אַזוי שנעל. עס בענקט זיך טייל־מאָל, שיינדעלע! (ער טרינקט) לחיים, לחיים! חאָטש איך בין שוין דאָ דרייסיג יאָהר און בין אַ נגיד געוואָרען און האָב הייזער, סטאָרס; נור עס איז נישט קיין אונטערשיעד מעגסט הונדערט יאָהר זיין אין דער פרעמד, קוים דערשמעקסטו עפּעס היימישעס, פערגעסטו דיר פון אַלעם, גיט עס דיך עפּעס אַזאַ צופּ ביים הארץ. און דו זיצט דיר טיילמאָל דאָ, דורך די לאַנגע יאָהרען, פאַר דעם סטאָר אויף די בוירי, און די קאָרס פליהען פאַר דיר פאַרביי, און דער עליוועטער קלאַפּט דיר, און דו זעהסט דיר גאָר דאָס געסעל מיט די קליינע הייזלעך, וואָס איז דיר דאָרט אין דערהיים פון דעם קליינעם שטעדטעל, וואָס דו ביסט געקומען; און דו זעהסט דיר גאָר דאָס פלעמבעל, וואָס איז דיר פאַר דיין טהיר, און דו זעהסט דיר די אַלטע חיה־לאה, וואָס שפּאַצירט דיר פאַר׳ן געסעל פאַרביי. יאָ, עס ציהט דיך נאָך דאָרט, וואָס האָסט געלאָזט אין דערהיים, און הערסטו אַמאָל פון דערהיים, איז דיר אַזוי אין האַרצען וואַרים, און דו האָסט געוואָלט, אַז מען זאָל דיר פערצעהלען פון דערהיים, דאַכט זיך, אַז דאָרט ווייט אויף יענער זייטים איז דאָ עפּעס אַ היים, אַ משפחה, אַ פריינד, חאָטש דו האָסט קיינעם נישט איבערגעלאָזט דאָרט אין דערהיים, ניט קיין טאַטען, ניט קיין מאַמען. אַלעם גלייך, עס האָט דיך געצויגען.

שלמה „מלאך״.

דו האָסט רעכט, עס ציהט דיך נאָך די היימישע בהמה, וואָס דו

האָסט אין דערהיים איבערגעלאָזט; אונזערס אַ מענשען ציהט שטענדיג נאָך די היימישע בהמה, מעגסט האָבען טויזענדער, איז דיר נישט קיין חלוק, וועט זיך דיך שטענדיג ציהען נאָך דער היימישע בהמה, ווי איך. (האַלב אין טרעהרען) אַזוי ווי איך פונקט, אַז איך דערזעה דאָס פערד אין גאַס דאָ, ווי עס שלעפּט און קריכט, ווילט זיך צוגעהן דערצו און גלעטען, גלעטען איבער'ן פנים. און עס נעהמט דיך אָן עפּעס אַזאַ וועהטאָג, אַז אינעווייניג דאָ, (ער ווייזט אויפ'ן בויך) פּאַקט דיך, און דו וואָלסט געוואָלט אין דערהיים זיין, און דו וואָלסט געוואָלט פאָהרען מיט'ן פערד אויף דעם קראַשענוויצער וועג, ווי דו ביסט יעדען טעג געפאָהרען, דיין לעבען לאַנג, צייט דו ביסט אַ קלייענער יד געוועזען. יאָ עס ציהט דיך, עס ציהט דיך דאָרט ווייט נאָך דעם גרויסען וואַסער, צו דער היימישע בהמה.

## זשאַק.

(וועלכער האָט שוין אַ ביסעל מעהר געטרונקען)

און דענסטמאָל דאָ ביים טיש, ווען זיי—איך מיין, מיין נאַרישקייט— (ער לאָזט פערשעמט דעם קאָפּ אַראָב) זענען דאָ געוועזען, און איך האָב דערזעהען אַ היימישען מענשען, ווי מען בעליידיגט אַ היימישען מענשען, ווי מען פערלייקענט אַ טאַטען, אַ מאַמען, האָט עס מיך גענעבען אַ נעהם דאָ אָן, אַז איך האָב געמיינט, אַז די געדערים אינעווייניג... אַז איך האָב געמיינט, (ער דערמאָהנט זיך, האַפּט זיך צוריק) נו, אָל רייט, ווי זאָגט די מוהמע: אַ גאָטס אַ זאַך געוועזען, לאָז זיין אַ גאָטס אַ זאַך, אַבי עס איז דאָ, ווי אין דערהיים פאַרצייטענס. (עס הערט זיך קלינגען. ער דערמאָהנט זיך). דאַכט זיך, איזאַאַק געהט. מיינע ליעבע, נור גאָרנישט זאָגען, איהר הערט — גאָרנישט זאָגען, נור שאַ גאָרנישט.

(מען עפענט די טהיר, איזאַאַק קומט אַריין)

איזאַאַק.

(מיט אַ בעוואונדערטער מינע)

גוט אָוונד! וואָס איז דאָס פאַר אַ יום-טוב היינט? אַזאַ עולם!
אַ, גוט אָוונד, שיינדעלע.

זשאַק.

(מיט הארצקלאַפּונג, מיט אַ געמאַכטען שמייכעל)

אַ, איזאַאַק, גאָרנישט געזעהען. ע, גאָרנישט נויטיג, נויטיג,
דאָס האָט דער פּעטער, די מוהמע... דער פּעטער זאָגט — יאָהר-צייט
היינט, איז אַ יום-טוב אַ מזל-טוב, האָט זי ליכט אָנגעצונדען, שיינדעלען
פערבעטען.

איזאַאַק.

(מיסטרויִיש)

אַזוי, (ער בויגט זיך אַראָב און ער הויבט אויף אַ צובראָכענעם טעלער) וואָס
איז דאָס? טעלער געבראָכען?

זשאַק.

(בלייך, דערשראָקען)

אָה, טעלער... די מוהמע איז געגאַנגען, האָט אַ טעלער צובראָכען,
געפאַלען — אַ טעלער צובראָכען.

איזאַאַק.

אַ טעלער צובראָכען? (געהט אַריין אין די צווייטע שטוב, ברענגט אַרויס
זיין געשטאָרבענער שוועסטערס פאָטאָגראַפיע, און הענגט זי אויף, אויף דעם אָרט וואו
זי איז געהאָנגען אין צווייטען אַקט). דאָס מאָל מעג זי אויך זיין דערביי...

ז ש אַ ק.

(קוקט איהם אָן פערוואונדערט)

איזאַאַק!

ש י ַי נ ד ע ל ע.

(פאַלט אַרוים אין אַ לאַכען)

ווייסט, ער האָט דאָך נאָך אונז געשיקט, ער האָט דאָך אונז קיין אַמעריקאַ אַראָבגעבראַכט, געשריבען, דעם גאַנצען שידוך אָנגעשלאָגען, דער שדכן געווען.

ז ש אַ ק.

(קוקט אָן איזאַאַק׳ן)

איזאַאַק!

ב ל ו מ ע ל ע.

און אונז האָט ער דאָך דאָ אַהער געבראַכט, האָט אונז געשריבען, אַז דיין ווייב, עליה־השלום, איז געשטאָרבען, און דו ביסט אַליין, בענקסט נאָך אַ היימישען מענשען, האָט אונז שיפס־קאַרטען געשיקט.

ז ש אַ ק.

איזאַאַק!

ש ל מ ה „מ ל אך״.

און מיך, און מיך האָט ער דאָך אַריינגעשיקט, ווען די דייטשען זענען געווען, און האָט מיך געהייסען פערצעהלען פון די פערד.

אַיזאַאַק.

אָבער צו די תנאים האָט ער מיך נישט געבעטען. אַ מתנה דער כלה חתימה׳געלד האָב איך סיי ווי סיי געבראַכט. (ער נעהמט אַרויס אַ שאַכטעלע מיט ציהרונג, גיט׳ס איבער פגיוועלען).

זשאַק.

(קוקט אָן איזאַאַק׳ן מיט גרויס אויפרעגונג)

איזאַאַק!

אַיזאַאַק.

(קלאַפּט איהם אויף דער נאָז)

און יעצט ווייסטו שוין, פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיט דער דייטשקע חתונה האָבען?

זשאַק.

(מיט טרעהרען אין די אויגען קוקט אויף איהם)

אַיזאַאַק.

כדי דו זאָלסט אַ יודיש קינד האָבען, זשאַק, אַ יודיש קינד.

(פ אָ ר ה אַ נ ג אין ד ע ר פ ו י ז ע).